YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv10i29

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 10 Issue 29
September 1928

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 10, Iss. 29)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/583

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ״ז, ו.)

אן מיין גערעכטיג־קייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט זיך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. X, No. 29 — Jersey City, N. J., Friday, September 7, 1928 — 1928 פרייטאַג, 7טער סעפּטעמבער, — PRICE 3 CENTS

ערשטע וואָך דיוס קאַמפּיין ברענגט גלענצענדע רעזולטאַטען פון אלע קלאָוק און דרעס שעפּער

מאַסען מיטגלידער און שאָפּ־טשערליים קומען באַצאָלען. אין פאַראויס דיוס פאַר זייערע שעפּער. 20 טויזענט דאָלאַר אריינגעקומען אין דער ערשטער וואָך. — דיוס קאַמפּיין וועט אין די נעקסטע פּאָר וואָכען פאָרטגעזעצט ווערען מיט נאָך מעהר אינטענסיוויטעט און קראַפט, זאָגט וויס־פּרעזידענט דובינסקי, דער אָנפיהרער פון׳ם דיוס קאַמפּיין.

אז א דאָקטאָר אונטערזוכט א קראַנק־הייט, אונטערזוכט ער קודם כל דאָס האַרץ, ווייל, דער גאַנצער קערפּער מ׳יט אַלע זיינע צעלען, געוועבען און אָרגאַנען זיינען אָפּהענגיג פון דעם האַרץ טעטיג־קייט, ווייל דאָס האַרץ שפּייזט דאָך דעם אָרגאַניזם מיט בלוט, און יעדע פאַרענ־דערונג אין דעם האַרץ טעטיגקייט האָט א ווירקונג אויף אַלע אָרגאַנען פון׳ם גוף.

אזוי איז מיט דער יוניאָן, די מעמ־בערס און די פינאַנסען זיינען דאָס האַרץ פון דער יוניאָן, אָהן דעם קאָן דער יוניאָן אָרגאַן ניט אָנגעהן, ווייל אַלע געוועבען אין דעם יוניאָן קערפּער זיינען אָפּהענגיג פון דער פינאַנס טעטיגקייט, א טרעזשורי אין א יוניאָן שפּייזט דעם גאַנצען אָרגאַ־ניזם פון דער יוניאָן מיט דער בלוט טעטיגקייט וואָס א יוניאָן דאַרף האָבען, און די טרעזשורי, די פינאַנסען האָבען א ווירקונג אויף אַלע אָרגאַנען פון׳ם גוף, אויף אַלע אַקטיווע אָפּטיילונגען פון דער יוניאָן.

עס איז דעריבער אויף דעם לעצטען טשערמאַן מיטינג באַשלאָסען געוואָרען צו אונטערזוכען דאָס האַרץ פון די מיט־גלידער וועלכע שטעלען צו די פינאַנסען. די ביזנעס איידזשענטס זיינען די

דאָקטוירים וועלכע זיי האָבען באַדאַרפט מאַכען די אונטערזוכונג ארבייט, און עס פּרעהט איבערצייגעבען זייער אונטערזו־כונגס ערקלעהרונג, אז דאָס האַרץ פון דער יוניאָן, פון דער מעמבערשיפּ קלאַפּט גאַנץ נאָרמאַל.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אין די שעפּער איז ניטאָ קיין ארבייט, ווערט

דיוס קאָלעקטעט אין די טויזענטער דאָלאַרס. יעדער ביזנעס איידזשענט קומט צוגעהן מיט הונדערטער דאָלאַרס פון די שעפּער און ברענגען פרעהליכע גרוסען פון די מיטגלידער. די מיטגלי־דער אליין זאָגען צו די ביזנעס איי־דזשענטס, אפילו אין די אַלטע צייטען

(שלוס אויף זייט 2)

בריוו צו מר. אינגערסאָל דעקט אויף די סקעבעריי פון קאָמוניסטישע אַגענטען

טרויעריג באַרימטער טשיף פון די סקעב יוניאָן, מר. הייִמאַן, באַט אָן אָפּען־שאָפּ צו די באַלעבאַטים. — פאַר אונז איז גוט 42 שטונדען אַנשטאָט 40, און פאַר אונז איז גענוג סינגעל טיים פאַר אָווערטיים, זאָגען מר. הייִמאַן און ווייס. אין זייערע פאַרהאַנדלונגען מיט א נאָן־יוניאָן באָס.

וואָס ווייטער אַלץ מעהר דערקונדי־גען זיך די קלאָוק און דרעס־מאַכער פון די אמת׳ע כונות פון דעם גוזינדעל אין דער 21טער סטריט. וואָס ווייטער אַלץ מעהר דערזעהען די קלאָוק און דרעס־מאַכער דעם ריכטיגען פּרצוף פון די פּאַ־מיסאַרען, וועלכע האָבען פּאַראַרימט און פּאַראומגליקט די צעהנדליגע טויזענטער קלאָוק און דרעס מאַכער.

מיט דער גרינדונג פון אַן אָפּיציע־לער סקעב־יוניאָן מאַכען אָט די אונפּאַר־אַנטוואָרטליכע חברה א פּאַרצווייפּעלטע אָנשטרענגונג פאַר זייער טרויעריגער עק־זיסטענץ און ווענדען זיך צו די באַלע־באַטים מיט אָנבאָטען פון פּאַלשטענדיגע אָפּען שאָפּ־באַדינגונגען.

א סך גוט־מיינענדע מענשען פון די ראַדיקאַלע קרייזען און אויך א געוויסע צאָהל פּאַרפיהרטע מיטגלידער פון אונ־זער יוניאָן וואָלטען אפשר ניט געוואָלט גלויבען, אז דאָס גזינדעל זאָל זינקען צו אזא סקעבישע מדרגה, אָבער די פאַקטען וואָס מיר ברענגען פון צייט צו

(שלוס אויף זייט 2)

נעפּאַקטער דרעסמאַכער מיטינג אין ברייענט האָל ערקלערט זיך גרייט אין מלחמה געגען די איצטיגע שקלאַפּישע באַדינגונגען אין דרעס טרייד

איבער די דרעסמאַכער הענגט די סכנה פון שקלאַפּעריי אויב מען וועט ניט זיין גרייט פאַר א גענעראַל־סטרייק, ערקלערען דזשענעראַל מענעדזשער נאַגלער און די וויס־פּרעזידענטען רייזבערג און אַנטאָנינאַ. — פאַרברייטונגען פאַר א סטרייק ווערט שוין געמאַכט. — דער גייסט פון 1909 מוז זיין אונזער וואָפע אין דער איצטיגער צייט. — סקעב „יוניע״ ווערט ביטער פאַרדאַמט פון דעם גאַנצען מיטינג.

ניט קוקענדיג אויף דער שטיקענדער היץ, וואָס האָט געהערשט לעצטען דאָ־נערשטאָג, און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אין דרעס טרייד איז איצט זעהר „סלאָו״ און די בעלי מלאכות זיינען א גאַנצען טאָג ניטאָ אין די שעפּער, פון דעסטוועגען איז ברייענט האָל געווען פול

מיט דרעסמאַכער וואָס זיינען געקומען הערען א וואָרט אין צייט ווענגען דעם איצטיגען צושטאַנד אין טרייד און ווע־גען דער שטעלונג וואָס די יוניאָן פּלאַנט צו נעמען צו ענדערען דעם צושטאַנד.

דער טשערמאַן פון דעם מיטינג איז געווען ברודער ריפּער, דער וויס־טשער־מאַן פון דזשאָינט באָארד. ברודער ריפּער האָט אין א קורצער רעדע ערק־לערט דעם צוועק פון דעם מיטינג, און האָט גלייך פאָרגעשטעלט דעם ערשטען רעדנער, דעם מענעדזשער פון׳ם דרעס דעפּאַרטמענט, וויס פּרעזידענט בר. רייזבערג.

ברודער רייזבערג האָט צום אלעם ערשטען אָפּגעגעבען א באַריכט פון טע־טיגקייט פון דער ארבייט אין דעם דרעס דעפּאַרטמענט זייט דער לעצטער צייט, אָבער אַמטעהרסטען איז זיין רעדע ניכער געווען אַן איינליידונגס־וואָרט ווענגען דער קומענדער צוגרייטונגס טעטיגקייט פון דער דרעס יוניאָן.

„די קאָנווענשאַן, האָט ברודער רייז־בערג געזאָגט, האָט באַשלאָסען צוויי זאַכען: ערשטענס, א דזשענעראַל סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע, און צווייטענס, א ספּעציעלע קאָמיטע פאַר דער דרעס אינדוסטריע וואָס זאָל שטודירען די פּראָבלעמען פון דער דרעס אינדוסט־ריע און אויסאַרבייטען פּלענער פאַר אַן ערפאָלגרייכען סטרייק.

„עס איז דאָס בלויז 4 חדשים צייט

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאַלט פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט״, נומער 29.

זייט 3. ביים דזשאָינט באָארד — ה. וואַנ־דער. א נייער שליח צבור — אַלטער קלאָוקמאַכער.

זייט 4. פילאַדעלפיער נייעס — מ. פּאַלין.

זייט 5. א שיקאַגאָ׳ער פּוידזש — מאָריס ביאַלים. נח׳ס קאַסטען — מ. סלאָווין.

זייט 6. עדיטאָריעלס.

זייט 7. א דרעס שאַפּ אין בעלגיען (בריוו פון אייראָפּא) — ה. לאַנג. לייבאָר דעי באַגריסונג — מאָריס זיגמאַן.

זייט 8. יוניאָן פּראָבלעמען פון דער צייט — פּ. קורינסקי.

זייט 9. בילדער פון אַן ארבייטער וועלט־פאַרלאַמענט — פּ. דעמביצער.

זייט 10. בריוו, שטימען — ס. קאַבאַקאָוו, מ. ב.

זייט 11, 12. נייעס, שלוסען, אאַז.

טאַקערס און פּליטערס יוניאָן „ביזי״ מיט פּאַר־ברייטונגען פאַר גענע־ראַל סטרייק אין טרייד

דזש. האַלפּערין אנגעשטעלט אלס מענעדזשער אויף דעם פאַרלאַנג פון לאָקאַל.

דער גאַנצער סטאַף פון דעם איסטערן אָרגאַניזיישאָן דעפּאַרטמענט מיט דזש. האַלפּערן בראש וועט איצט זיין פאַרנו־מען מיט אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט אין דעם טאַקערס און פּליטינג לאָקאַל 41. אין דעם טרייד ווערט איצט מעהרער אר־בייט ווי געווען. אָבער צוליב די פריער־דיגע סלעק און די אַמאָליגע לינקע ביזנעס פון וועלכע ס׳האָט גענומען א צייט אז דער לאָקאַל זאָל זיך צו קומען האָבען דערוויילע די אויפגעקומענע באַלעבאַטים־לעך א נאָש געטאָן פון דעם קרינגעל סמע־טענע און האָבען גערעכנט אז די באַ־לעבאָסטע, די יוניאָן וואַטשט זיי מעהר ניט.

איצט אָבער, ווי נאָר עס האָט זיך אָנ־געהויבען ארבייט אין טרייד האָט דער לאָקאַל באַשלאָסען צו נעמען זיך צו דער ארבייט און דער לאָקאַל האָט געמאַכט א פאַרלאַנג צו פּרעזידענט זיגמאַן, אז האַלפּערין, מענעדזשער פון דעם אינטער־אָרגאַניזיישאָן דעפּאַרטמענט זאָל אָנגע־שטעלט ווערען ביי זיי אלס מענעדזשער.

פּרעזידענט זיגמאַן האָט דעם פאַר־לאַנג פון לאָקאַל גענומען אין אַמבע־טראַכט און האָט אָנגעבאָטען האַלפּערין אָנצונעמען דעם מענעדזשער אַמט אין לאָקאַל 41 און האַלפּערין מיט דעם גאַנצען סטאַף פון דעם איסטערן אָרגאַ־ניזאַציאָנס דעפּאַרטמענט האָט זיך איצט גענומען צו דער ארבייט פון דעם לאָקאַל.

סוירקולאַרס זיינען שוין ארויסגעגע־בען געוואָרען צו די ארבייטער פון דעם טרייד, אין וועלכע די לאַגע איז אויפ־געקלערט געוואָרען. און לעצטען דאָנער־שטאָג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א מי־טינג פון טשערליים, ביי וועלכע האַלפּע־רין און דער ביזנעס איידזשענט פון דעם לאָקאַל, קרינגשטיין האָבען גערעדט ווענגען דער איצטיגער סיטואַציע. א קאָמיטע פון 15 איז ערוועהלט געוואָרען צו העלפען אין דער רוטינער אָרגאַניזאַציאָנס אר־בייט.

ליידיס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל 38, פאָדערען 40 שטונדען און א העכערונג פון שכירות אין נייעם אַגרימענט.

באַלעבאַטים שטעלען פרעכע געגען־פאָדערונגען, דיסטשאַרדזש, ריאָרגאַני־זיישאָן, 10 פּראָצענט און דאָס רעכט פון אָפּלייגען בעל מלאכות אין סלעק צייט, און טויזענד דאָלער א טאָג דעמעדזשעס פאַר א סטאָפּעדזש. — קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים אָפּגעהאַלטען. — קאַמף ענטוויי־קעלט זיך. — מיר וועלען אונזערע גערעכטע פאָדערונגען געווינען, זאָגט לאָקאַל מענעדזשער דרייזין.

דעם 15טען סעפּטעמבער געהט אויס דער אַגרימענט פון דער ליידיס טיילאָרס יוניאָן לאָקאַל 38 מיט די באַלעבאַטים, און די יוניאָן וויל איצט פאַרבעסערונגען אין טרייד. די יוניאָן פאַרלאַנגט א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואָך. דאָס איז דער יוניאָן׳ס הויפּט פאָדערונג. צו דער הויפּט־פאָדערונג פאַרלאַנגט אָבער די יוניאָן א רייז פון 2 דאָלאַר אויף דע־סקייל פון די שניידער און א פּלעט רייז פון 2 דאָלאַר פאַר אַלעמען. אויך פאָ־דערט די יוניאָן, אז קיין אָפּלעגונג פון ארבייטער אין סיזאָן זאָל ניט פאָרקומען סיידען דער באַלעבאָס וועט איבערצייגען דורך די ביכער שוואַרץ אויף ווייס, אז ער האָט ווירקליך קיין ארבייט ניט און איז געצוואונגען אָפּצולעגען בעל מלאכות.

די באַלעבאַטים האָבען געוואָלט אי־

בעררעקען די יוניאָן, זי זאָל די פאָדע־רונגען מורא האָבען ארויסצושטעלען, האָבען זיי קאָפּירט דעם זעלבען סקים, וואָס די ריינקאָוט באַלעבאַטים האָבען באַנוצט ניט לאַנג איידער זיי האָבען באַ־דאַרפט באַנייען דעם אַגרימענט מיט דער ריינקאָוט מאַכער יוניאָן. זיי האָבען ארויסגעשטעלט פרעכע פאָדערונגען צו דער יוניאָן נאָך איידער די יוניאָן האָט געשטעלט איהרע פאָדערונגען.

די פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים זיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דיסטשאַרדזש, ריאָרגאַניזיישאָן, א פאַר־קלענערונג אין די שכירות פון 10 פּראָ־צענט און 1,000 דאָלאַר א טאָג דעמע־דזשעס אין פאַל א סטאָפּעדזש פּאַסירט און די ארבייטער קומען ניט צוריק דעם זעלבען טאָג פון׳ם סטאָפּעדזש.

(שלוס אויף זייט 2)

גרויסער טשערמאן־מיטינג פארדאמט די קאמוניסטישע „סקעב יוניע"

(שלום פון זייט 1)

אויף א בעסערער צייט, — א צייט פון אריינוואורפען זיך אין דער אמת'ער בוי־אונגס־ארבייט; א צייט פון פארשטאנד פון באגרייפען וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט; א צייט פון איבערגעבענהייט און טרייהייט צו דער יוניאן, צו דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואיר־קערס יוניאן.

מיט דער איצטיגער אפאזיציע זיינען אוועק די פאלשע בליצען, וואס האבען אנשטאט צו באלייכטען דעם האריזאנט אלץ פארווישט; אוועק די פאלשקייטען, מיט וועלכע מען האט געהאדעוועט דער יוניאן זינט די לעצטע פאר יאהר. די ליניע איז איצט קלאר געווארען, ווי דער לויטערער טאג. די יוניאן האט איצט מעהר ניט צו טאן מיט קיין גרופעס, מיט קיין אינערליכע אפאזיציעס, מיט קיין אישום פון שלום, מיט קיין אישום פון רעכטס און לינקס; עס איז א קלאר־געצויגענע ליניע צווישען א יוניאן, וועלכע האט דורך צעהנדליגער יאהרען בויען אין שאפען ערוואָרבען קאנדישאנס און פארבעסערונגען פאר די ארבייטער; ערוואָרבען א נאמען פון אן אמת'ער שטארקער און שטאלצער יוניאן, און א נייע סקעבישע סולקעס־ארגאניזאציע פארדעקט מיט א קאמוניסטישען לייבעל, און מיט אט די סקעב אגענטען פון דער איצטיגער סקעב־יוניאן זיינען איצט איבערגעריסען אלע באציהונגען.

אלע רעדנער, פון אנהויב ביז'ן סוף, ביי אט דעם מיטינג — דער טשערמאן ברודער סטאלער, דזשענעראל מענעדזשער ברודער נאגלער, פרעזידענט זיגמאן, וויים פרעזידענט שלעזינגער און וויים פרעזידענט דובינסקי, וועלכער האט גערעדט דער לעצטער, האבען גערעדט אויף דעם מיטינג אין דעם זינען ווי עס איז דא נאר־וואס אנגעגעבען געווארען. מיר זיינען איצט אין דעם ריכטיגען לאגער, און די סקעב־אגענטען זיינען אין זייער ריכטיגען לאגער, — האט דער טשערמאן, ברודער מאקס סטאלער, געזאגט, — און דער קאמף איז איצט א ריין פרינציפיעלער צווישען א יוניאן פון ארבייטער און פאר ארבייטער און א סקעב־קלייזעל געגרינדעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פאר פאליטישע צוועקען, צו צוברעכען די ארבייטער־באוועגונג.

דזשענעראל מענעדזשער נאגלער, דער ערשטער רעדנער, האט באטאנט די פאסירונג מיט פאלגענדען געדאנק:

„דער באשלוס פון די קאמוניסטען האט זיי זעלבסט אויסגעשטעלט אין זייער גאנצער נאקעטקייט. זיי האבען מיט זייערע אייגענע הענט אראפגעריסען די מאסקע זייערע און וועלען איצט מעהר קיינעם ניט קענען פארפיהרען. זיי האבען אין זייער פארצווייפלונג באשלאסען צו גרינדען א סולקעס סקעב־יוניאן, און אלס א סקעב־יוניאן וועט מען זיי איצט פארטרייבען ווי מייז אין זייערע מייז־נארעס."

מענעדזשער נאגלער האט זיך, דער עיקר, אפגעשטעלט אין זיין רעדע אויף צוויי זאכען, וואס האבען באוואוינען צו רופען דעם גראנדיעזען שאפ־טשערמאן מיטינג: ערשטענס, צו באקענען די שאפ־טשערליים מיט דער טעטיגקייט פון דער יוניאן, און, צווייטענס, צו באטראכטען פלענער פאר דער צוקונפט און די מיטלען ווי אזוי די פלענער דורכצופיהרען.

ער האט אנגעוויזען, אז דער סטעף איז פארגרעסערט געווארען כדי צו קענען שטענדען צו קאמפליינטס, און האט ערקלערט אז עס איז געלונגען די לעצטע צייט צו ארגאניזירען ארום הונדערט שעפער און האט אפעלירט צו די טשערליים צו זעהן, אז די 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך זאל ניט זיין בלויז אויפ'ן פאפיר נאר זאל דורכגעפיהרט ווערען אין דער ווירקליכקייט און האט אויך אפעלירט צו די טשערליים צו זעהן אז יעדער איינער אין שאפ זאל ווערען גוטשטעהענד אין דיוס.

„אונטער אלע אומשטענדען", האט ברודער נאגלער געזאגט, „מוז די 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך אפגעהיט ווערען. אלע מוזען אנטייל נעמען אין די קאמיטעס און געבען פינאנציעלע קאאפעראציע אזוי גוט ווי די אקטיווע און דער וואס וועט ניט זיין גוטשטעהענד, דער וועט ניט קענען ארבייטען."

נאך ברודער נאגלער האט ברודער סטאלער, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד און טשערמאן פון מיטינג, פארגעשטעלט ברודער זיגמאן, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. ברודער זיגמאן האט געקראגען א זעהר גרויסע אוואציע פון אלע אנוועזענדע אין האל און האט דורך זיין רעדע איבערגעריסען אויפגערופען שטורעמישע אפלאדיסמענטען. [illegible]

ווי א ווידערהאלונג פון דעם וואס איך האב שוין ביי אנדערע געלעגענהייטען געזאגט. אבער א דאנק דער איצטיגער צייט, וועלען מיינע ווערטער בעסער פארשטאנען ווערען.

„פאר אונז איז די פאסירונג ניט קיין נייעס. דער באשלוס פון די קאמוניסטען וועט איצט ניט קענען פארפיהרען, ווי ביז איצט, קיין סך גוט־מיינענדע מענשען אין דער ארבייטער־געזעלשאפט. זיי האבען באשלאסען צו גרינדען אן אפאזיציאנס־יוניאן, ווייל זיי זיינען געצוואונגען געווען דאס צו טאן, ווייל אלע זייערע פארברעכערישע מיטלען האבען זיך אויסגעשעפט; זיי האבען געטאן דאס, וואס זיי האבען אנגעהויבען מיט 4 יאהר צוריק. דער אונטערשייד איז בלויז וואס מיט 4 יאהר צוריק האבען מענשען ניט געוואלט גלויבען, און איצט קען מען שוין דעם עולם מעהר ניט קארמענען מיט פויגעל־מילך זיי קענען שוין מעהר קיינעם ניט בלאפען; די זאך איז איצט קלאר פאר אלעמען.

„זייער איצטיגער באשלוס צו גרינדען אן אפאזיציע־יוניאן האט געגעבען א לעסאן די וואקלענדיגע מענשען אוועקצושטעלען זיך אויף א פעסטען באדען. די לאגע אין אלגעמיין איז איצט טויזענט מאל בעסער און זיכערער פאר די קלאוק און דרעס מאכער.

„מיר האבען פריהער געזאגט „אין שלום לרשעים", און איצט איז דאס מקוים געווארען, און די טשערליים מוזען איצט פארשטעהן אז א יוניאן פון קלאוק און דרעסמאכער וועט צוריק אויפגעבויט ווערען אויף די יסודות פון דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג.

„עס לענט זיך אויפ'ן שכל, אז דער פארלאָרענער סטרייק זאל האבען געווירקט זעהר שלעכט אויף די ארבייטער. דער סטרייק האט זיי געבראכט צו ענטמוטישונג, צו מוטלאזיגקייט און פחדנות, אבער די פעריאָדע פון ענטמוטישונג איז אריבער. מיט אונזער עולם קומט פאר דאס זעלבע ווי מיט א שיכור. ווען ער איז שיכור פיהלט ער זעהר שלעכט און טוט זאגאר אפ פיל מאל מיאוס'ע מעשים; ער וועט זיך וואלגערען אין בלאטע, ניט הערען צו דער זאך און טאן נאך ערגערס. ווען ער קומט אבער צו זיך זעהט ער זיך ארום אז ער האט ניט געהאנדעלט ווי א מענש און האט חרטה.

„די קלאוקמאכער זיינען געווען פארשיכור'ט פון דעם גיפטיגען בראנפען, וואס די קאמוניסטען האבען זיי געגעבען צו טרינקען, אבער איצט זיינען זיי ניכטער געווארען און ווייסען, אז זיי האבען צו טאן מיט א סקעב־איידזשענסי, און זיי וועלען האנדלען מיט דער סקעב־איידזשענסי פונקט ווי מיט סולקעס' סקעב־איידזשענסי און וועלען, מיט דער הייליגער איבערגעבענהייט צו דער יוניאן, פטור ווערען פון דער סקעב־באנדע ווי פון יענער סקעב־באנדע.

„טשערליים און די אנדערע שעפער מוזען איצט האבען באשטימטע פליכטען. מען מוז איצט אנהויבען צו וויסען ווער איז ווער אין דער יוניאן.

„אלע באלעבאטים דרשנ'ען דאסזעלבע וואס די קאמוניסטען, אז עס איז נישטא קיין יוניאן, און די טשערליים און די ארבייטער דארפען מיט נייעם קוראזש ציינען אז די יוניאן לעבט און איז שטארק און וועט ווערען אלץ שטארקער און מעכטיגער.

„ווען די יוניאן רופט צו א דרייוו, דארף זיך יעדער אקטיווער יוניאן־מאן אפרופען. ער מוז פיהלען, אז דער רוף פון דער יוניאן איז פון זייערטוועגען. עס איז זיין זאך, און ער דארף פאר זיין זאך ארויסציינען מעהר אקטיוויטעט.

„מען דארף וויסען, אז מיט דעם שם המפורש קען מען קיין יוניאן ניט פיהרען. יעדער באלעבאס גיט אכטונג ווי אזוי יעדערער באציהט זיך צו דער יוניאן, און ווען דער באלעבאס זעהט אז די בעל־מלאכות זיינען סלעקערס צו דער יוניאן, נוצט ער אויס די געלעגענהייט און נימט די בעל־מלאכות א בוכטשע אין זייט. די טשערליים דארפען איצט אויפפאסען אין די שעפער און זעהן, דאס אויב עס איז פאראן אין שאפ עפעס א חכם, וואס זאגט אז א יוניאן דארף געפיהרט ווערען בלויז מיט פרינציפען און אהן דיוס, זאל דער חכם זיך געהן דארט, וואו בלויזע פרינציפען זיינען. מיר מוזען האבען א יוניאן טאקע מיט פרינציפען, נאר זי זאל זיין שטארק און מעכטיג אזוי אז די באַלעבאטים זאלען מורא האבען פאר איהר".

נאך פרעזידענט זיגמאן'ס רעדע איז פארגעשטעלט געווארען ברודער שלעזינגער. שלעזינגער האט געקראגען דעם זעלבען רעספעקט און אוואציע פון דעם פארזאמעלטען גרויסען עולם ווי ברודער זיגמאן. און זיין רעדע איז אונטערבראכען געווארען מיט ענטוזיאסטישע אויסדריקע פון אפלאז. זיין רעדע איז געווען ווי פאלגט:

„איך האב געמיינט, אז דורך דער שמוץ, וואס די קאמוניסטען האבען אויף מיר די לעצטע צייט געווארפען, וועט מען מיך ניט וועלען זאגאר אנקוקען, אבער די אויפנאהמע צייגט דאס פארקערטע, און אייער איצטיגע אויפנאהמע גיט מיר זיכער פיל פארגעניגען.

„זינט 1923 האב איך ניט געהאט די געלעגענהייט זיך צוזאמענצוקומען פנים אל פנים מיט אייך, און ווען איך האב איצט דאס פארגעניגען און די געלעגענהייט, וויל איך צו אייך רעדען מיט אפענהערציגקייט און אייך ווארנען געגען די געפאהרען וואס לויערען אויף אייך. איך וויל אייך ווארנען, אז אייער לאגע קען נאך ווערען ערגער ווי זי איז, אויב איהר וועט זיך ניט א נעהם טאן מיט כחות צו בויען די יוניאן.

„מיר האבען אן ארגאניזירטע באנדע, וואס רופען זיך קאמוניסטען און ווילען צוברעכען די יוניאן. איך ווייס די שוועריגקייטען אויף אונזער וועג, צוליב דיזער סקעב־באנדע, אבער מיר קענען דאס אלעס בייקומען אין א קורצער צייט. מיר קענען אלץ גוט מאכען.

„אין 1909 האבען מיר אויך ניט געהאט קיין יוניאן. ס'איז ניט געווען קיין צעהנטעל יוניאן־שעפער וואס מיר האבען איצט, און נאר א פאר האבען פארשטאנען וואס א יוניאן מיינט. טראץ דעם האבען מיר באוויזען אויפצובויען א יוניאן וואס איז געווען דער שטאלץ פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג. אין מאכענדיג א פארגלייך מיט יענער צייט, מיט 1909 און 1910, זאג איך, אז מיר קענען איצט טאן דאסזעלבע וואס אין 1910.

„מיר פארלאנגען ניט קיין איבערנאטירליכעס. מיר פארלאנגען נאר, א. איהר זאלט נאכקומען אייערע פליכטען. און איינע פון אייערע פליכטען איז צו זעהן פארזארגען די נויטיגע מיטלען, כדי מען זאל קענען רעדען מיט די באלעבאטים קלארע דבורים.

„אין דער צייט וואס א חברה שטעהט איצט גרייט צו צוברעכען די יוניאן, מוז יעדער איינער פון אייך צייגען זיין קאליר. יעדער מיטגליד מוז גוטשטעהענד ווערען אין זיינע דיוס. געלט איז טאקע גארנישט, רעוואלוציאנערען רעדען ניט דערפון, אבער ווער עס וויל האבען א יוניאן מוז צאהלען דיוס אין דער יוניאן.

„אין נאמען פון אייערע אינטערעסען, און אין די אינטערעסען פון אייער פאמיליע, פון אייערע פרויען און קינדער, אויך אין די אינטערעסען פון אייער יוניאן, רופען מיר אייך צו בויען די יוניאן. וואס אנבאלאנגט אונז, וועלען מיר ניט לאזען קיין שטיין ליגען רוהיג. מיר וועלען אלעס טאן ביז מיר וועלען די יוניאן האבען אויפגעבויט. מיר האבען איצט אן אגרימענט פון די קאמוניסטען, וואס האט גארניט די ווערט, וואס גיט די באלעבאטים דאס רעכט צו סעקען ארבייטער, אבער מיט דער אויפבויאונג פון דער יוניאן קענען מיר קריגען א בעסערען אגרימענט. עס ווענדט זיך נאר אין אייך".

נאך ברודער שלעזינגער האט גערעדט וויים־פרעזידענט דובינסקי. ער האט גאר געמאכט א „היט" מיט זיין רעדע. ער האט אנגעהויבען זיין רעדע מיט א כאראקטעריסטישער פאסירונג פון זיין ברענטש פון דער סאציאליסטישער פארטיי, צו וועלכען דער חכם הגדול היימאן, דער פורישקעוויטש נאוויק און דער שווארצער יודיטש האבען אויך באלאנגט.

„איך האלט אז די חברה אלס ברעכער און פארברעכער, און וועל זיי אלס אזעלכע באקעמפען. מען רופט די חברה מיט דעם נאמען „סקעבס", און איך זאג אז אפילו דער נאמען סקעב איז צו גוט פאר זיי.

„זיי האבען געגרינדעט א נייע יוניאן דערפאר וואס אלע זייערע יסקימס האבען זיך שוין אויסגעשעפט. זיי קענען שוין מעהר קיין נייע נעמען ניט שאפען, — האבען זיי זיך געקרוינט איצט מיט זייער אמת'ען נאמען: „סקעב אפאזיציע יוניאן", און מיר דארפען איצט זיין צופרידען דערמיט וואס זיי האבען אליין פראקלאמירט זייער טויט־אורטייל.

„מיר דארפען קיין אפאזיציאנס־יוניאן ניט גרינדען. מיר האבען אונזער אייגענע יוניאן — די אינטערנעשאנאל. מיר מעגען זיך האבען אונזערע אייגענע שטרעמס אין דער אינטערנעשאנאל, אבער זי וועט אונז טייער בלייבען.

„אין דער צייט וואס די חברה זוכט אייך צו מאכען ברויטלאז, מאכט די יוניאן איצט א דיוס־דרייוו. דער קלאוקמאכער דארף ניט זיין קיין פילאזאף איינצוזעהן סוף כל סוף ווער עס איז זייער פריינד און ווער עס איז זייער שונא. זיי ווייסען אז ניט די היימאנס און באַרובאוויטשעס האבען געבויט די יוניאנס, נאר די זיגמאנס און די שלעזינגערס.

„מיר קענען ניט מאכען קיין קאלעקשאנס. מיר קענען ניט ארויסלאזען קיין באנדס. מיר מוזען פיהרען די יוניאן אויף א טרייד יוניאן וועג און ניט אויף דעם קאמוניסטישען שטורעם־זונג.

„איצט וועקט מען אייער געוויסען. מיר זאגען, אז אין אייער איינינקייט ליגט אייער מאכט. מיר זאגען: ארבייטער, פאראייניגט אייך: און זיי זאגען: ארבייטער, צושפליטערט זיך. מיר פרעדיגען ברידערליכקייט און זיי פרעדיגען האס.

„אייער ענטפער דארף היינט זיין צו שטארק מאכען די יוניאן. יעדער איינער וועט מוזען גוט־מאכען זיינע דיוס, און דערמיט וועט ער געבען זיין ענטפער צו דער נידעריגער סקעב־באנדע, צו דער סקעב־יוניאן. מיט דעם אפרופען זיך אויף דעם אפיל פון דער יוניאן וועט דער ענטפער זיין: „נידער מיט דער סקעב־קלייזעל!"

רעזאלוציע פון קלאוק שאפ־טשערמאן מיטינג.

„מיט א געפיהל פון פאראכטונג האָבען די קלאוקמאכער אויסגעהערט אויף דעם ברייענט האל שאפ־טשערמאן מיטינג יעדעס ווארט פון די רעדנער וועגען דער נייער סקעב־יוניאן און האבען אויסגעדריקט זייער פרייד וואס איצט איז ענדליך איבערגעריסען געווארען אלע באציהונגען מיט אט די סקעב־אגענטען. זייער מאסקע איז אראפגעריסען. זיי קענען שוין מעהר ניט שפילען די ראלע פון נעבאכלאך, פאר וועמען מען זאל זיך אננעמען און שרייען: „שלום, שלום! זייער לעצטען אקט רעדט פאר זיך אליין און אויף זייער לעצטען טייוועלשען אקט האבען די טשערליים אין ברייענט האל געפאסט די פאלגענדע רעזאלוציע, פארגעשלאגען פון דעם שאפ־טשערמאן פון דער קראון קלאוק קא.:

„מיר, די טשערליים פון די קלאוקשעפער, פארזאמעלט ביי א מיטינג מיטוואך אווענט, דעם 15טען אויגוסט, אין ברייענט האל, אויסהערענדיג דעם באַריכט פון אונזערע באאמטע וועגען דעם איצטיגען צושטאנד אין אונזער יוניאן, און

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז די וועלכע האבען ביז איצט געטרייעט צו שטערען אונזער יוניאן אין איהר ארבייט און האבען אריינגעבראכט א דעמאראליזאציע אין אונזערע רייהען האבען געגרינדעט אן אפאזישאן־יוניאן,

„בשליסען, דאס מיר פארדאמען די אפאזישאן־יוניאן און פארפליכטען זיך צו שטעהן פעסט מיט אונזער אינטערנעשאנאל און העלפען איהר פינאנציעל און מאראליש אויסצוראטען די וועלכע זוכען צו צוברעכען אונזער ארגאניזאציע.

„מיר זיינען איבערצייגט, אז די מיטגלידער, די ברייטע מאסען קלאוק און דרעסמאכער, וועלען ווייכען פון דער זאגענאנטער אפאזישאן־יוניאן און וועלען מיט פאראייניגטע כחות העלפען דער אינטערנעשאנאל צו פארניכטען די אפאזיציע, ווי מיר האבען עס געטאן אין דער פארגאנגענהייט מיט די סולקעס און אנדערע סקעב־אגענטורען.

„אלע צוזאמען פאר דער ווידעראויפבויאונג פון אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן און פאר דער פארניכטונג פון דער אפאזיציאנס־יוניאן!"

אט פאר דער רעזאלוציע האט זיך דער פארזאמעלטער, גרויסער עולם אין האל אלע ווי איין מאן איפגעהויבען פון זייערע פלעצער און דערמיט באוויזען זייער פולע איינשטימיגקייט.

דיוס קאמפיין אנגעפאנגען אין אלע שעפער

(שלום פון זייט 1)

קומען נאך זייער פארלאנגען. דן באַוויזע קומען דערפון, וואס יעדען אווענט קומען פרייוויליג טשערליים מיט די ביכלאך פון די שעפער און מיט קאלעקטירטע געלט צו באצאהלען די שולדען פון די שאפ בעל מלאכות. די באוויזען קומען פון די ערקלערונגען פון די בעל מלאכות זעלבסט צו די יוניאן־באאמטע, אז דאס קאמוניסטישע סולקעס סקעב - קלייזעל האט און וועט אויף זיי קיין ווירקונג ניט האבען.

אויף אזוי פיל קען שוין געזאגט ווערען בלויז פון דעם אנהויב פון דעם קאמפיין פאר דיוס. אבער אין פארלויף פון די נעקסטע פאר וואכען צייט, — ערקלערט וויים־פרעזידענט דובינסקי, דער הויפט פון דעם דיוס־דרייוו, — וועט זיך ערשט ארויסווייזען דער כח פון דער יוניאן. יעדען אווענט וועט אפגעהאלטען ווערען צעהנדליגע שאפ־מיטינגען פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל, אינדעפענדענט און אמעריקען שעפער, און אויף די שאפ־מיטינגען וועט די פראגע ברייט ארומגערעדט ווערען, און יעדער טשערמאן וועט פונקט ווי יעדער ביזנעס־איידזשענט מוזען דורכפיהרען א פאלשטענדיגען קאנטראל פון די יוניאן־ביכלאך. יעדער ארבייטער אין שאפ וועט מוזען זיין אפגעצאהלט [illegible]

א נייער שליח צבור

פון אן אלטען קלאוקמאכער

זאלען טאקע די קלאוקמאכער אליין בויען און פערוואלטען זייער יוניאן!

— אין דעם „נעכטיגען טאג" פון אויגוסט דעם 22טען, קלאגט דארטען דער טאלעראנטניק לואיס גאלדשטיין אויף דעם גורל פון די אומגליקליכע קלאוקמאכער וואס דורך דעם ברודער קריג זיינען אלע ארבייטס קאנדיציאנען פערניכטעט געווארען און איצט ארבייט מען אין שעפער שטיק ארבייט פאר א הונגער לוין. אז אפילו ארבייטענדיג זיבען טעג א וואך קען מען קיין לעבען ניט מאכען! ווער, ווער, עס האט געקאנט ריידען, איהר אבער, מיט אלע אייערע טאלעראנצעס האבען געדארפט זיין די לעצטע צו קלאגען אויפ'ן חורבן פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

איז עס ניט א פאקט, אז אייערע טאלעראנצעס זיינען געווען די ערשטע גלייך ביים ענדע פון קלאוקמאכער סטרייק צו פערלאנגען פון פרעזידענט זיגמאן ארויסצוווארפען די קאמוניסטישע לידערס פון דער דזשאינט באארד, און איבערנעמען די פיהרערשאפט? איז עס ניט א פאקט אז פרעזידענט זיגמאן האט גלייך אין אנפאנג פון דער רעדזשיסטריישאן אנגעשטעלט אייערע טאלעראנצעס אלס באאמטע אין די פערשידענע אפיסעס? איז עס ניט א פאקט, אז ווען אייער חבר קאפלאן איז ערוועהלט געווארען אלס מענעדזשער פון לאקאל 2 האט ער ביי יעדען מיטינג געשטורעמט און פראטעסטירט געגען פרעזידענט זיגמאן פאר זיין צו מילדע פאליסי צו באקעמפען די קאמוניסטען דורך פראפאגאנדע און אגיטאציע.

ביי יעדען מיטינג ווען אייער טאלעראנטניק קאפלאן האט רעפארטעט פון זיין טעטיגקייט, האט ער כסדר געשטורעמט, אז מען דארף די קאמוניסטען ווי די הינט ארויסווארפען פון אונזערע שעפער און אז נאר דאן וועלען מיר קענען האבען א יוניאן! און ווען קאפלאן האט זיין פלאן ניט געקענט דורכפיהרען, ווייל זיגמאן האט איהם ניט געלאזען האט ער רעזיגנירט אלס מענעדזשער!

איז עס ניט א פאקט, אז כמעט אלע ביזנעס אגענטען פון לאקאל צוויי זיינען געווען פון דער טאלעראנץ גרופע? נאר אז ביי דער צווייטער עלעקשאן פאר ביזנעס אגענטען, איז אייער טאלעראנטניק פיינבערג, וועלכער איז ווירקליך געווען איינער פון די בעסערע ביזנעס אגענטען דורכגעפאלען מיט 4 שטימען, און קרייטצער איז קוים דורכגעקראכען מיט 4 שטימען, טראץ אייערע פאסקווילען, אנרופענדיג אן אנדער טייל יוניאן מיטגלידער, „פאררעטער, פאשיסטען און שווארצע העמדלאך", דאן האט איר אנגעפאנגען איבערצודרעהען דעם דישעל און אנגעפאנגען מורמלען וועגען שלום!

איהר זיינט מנם אמאל געווארען א שליח צבור, און פרעגט אין דעם נאמען פון דער טאלעראנץ גרופע, ווארום זאלען די רעכטע ניט נעמען קיין טשאלענדזש און אויפטרעטען אויף איין עפענטליכע פלאטפארמע מיט דעם אנדערען צד, און זאל דאס פאלק ענטשיידען ווער עס האט רעכט! געוואלד! גאט איז מיט אייך! האט מען ניט מיך און אייך און אנדערע פון אונזער ריכטונג, ארויסגעווארפען פון מעדיסאן סקווער גארדען, וואו מיר האבען געוואלט אנטייל נעמען אין אזא מיטינג? האט איהר שוין פערגעסען ווי אלע טאלעראנצעס צוזאמען מיט אייך, זיינען שטארק ענטריסטעט געווען געגען די קאמוניסטען? ווילט איהר, מיר זאלען ווידער קריכען צו זיי כדי זיי זאלען ווידער האבען וועמען ארויסצוווארפען? אויסער דעם, מיר זיינען ניט פאראינטערעסירט אין אייערע קאמעדיאנטסקע שטיק צו ווערען גלאדיאטארס און אויפטרעטען אין עפענטליכע ארענאס. מיר ווייסען, אז שרייען און טומעל מאכען קענט איהר בעסער פון אונז, מיר האבען אייך קענען געלערענט ביי אונזערע רעגעלע יוניאן מיטינגען. ווען איינער האט אמאל געזאגט עטוואס וואס אייך איז ניט געפעלען געווען, האט מען איהם ארונטער געבוקעט, ווילט איהר מיר זאלען מאכען פון זיך פאיאצען, און זען ווער עס קען שטארקער בוקען און מוקען. ניין, ניט מיר! צו אזא מדרגה זיינען מיר נאך ניט געקומען!

ביי אייערע טאלעראנטע מענשען קען אפשר אמאל פאסירען, אנשטאט צו דעבאטירען ווי ציוויליזירטע מענשען טוען, קען נאך אמאל א חבר אדער א חבר'טע פון גרויס בענייסטערונג דעם דעבאטאנט אנשפייען אין פנים, אדער עס קען נאך אמאל געמאלט זיין, מען זאל א געגנער מכבד זיין מיט ניט קיין פרישע אייער, אייערע קאמפס באוויירים זיינען גאנץ פעהיג אויף אזעלכע זאכען! מיר זיינען צופיל דזשענטעלמען מיט אייערס גלייכען צו דעבאטירען!

עס איז אמת, אז ווען איהר זיינט געווארען א יוניאן כהן, האט איהר די יוניאן געהאלטען פאר א פרינציפ, דאס איז אלץ געווען דערפאר, ווייל אין די דאמאלסדיגע צייטען האבען די קלאוקמאכער אליין געבויט זייער יוניאן אהן דער הילף פון צייטונגען און פיפערנאטער פאליטישענס, זיינט אבער די פאליטישענס פון מאסקווע צוזאמען מיט זייערע חברים די פאליטישענס פון טאמאני האל, האבען זיך אנגעפאנגען אריינמישען און דיקטירען ווי מיר זאלען זיך פיהרען, זייט דאן, האט עס אויפגעהערט צו זיין א הייליגקייט, און אידעאל און עס האט זיך פערוואנדעלט אין א משוגעים הויז, וואו איינער דעם צווייטען דערקענט ניט מעהר, און די אמאליגע בעסטע פריינד זיינען זיך געווארען שונאים אויפ'ן לעבען.

איהר זאגט אז איהר האט זיך ביי אונז געבעטען מיר זאלען זיך אוועקזעצען ביים גרינעם טיש אויסצוגלייכען אלע ספסוכים און טעות'ן, וואס אירגענד וועלכער צד האט געמאכט: וויפיל מאל דענקט איהר איז דער שיעור צו זיצען ביים גרינעם טיש און אויסגלייכען ספסוכים, זיינען מיר ניט געזעסען מיט זיי ביים גרינעם טיש נאך דעם דזשאינט עקשאן פייט. נו, און וואס איז געווארען נאכדעם? אז אפילו איהר, האט געגען זיי פראטעסטירט. דער באווייז איז, אז איהר זייט געווען פון די ערשטע זיך צו רעדזשיסטרירען אין דער אינטערנעשאנאל! דער אמת'ער אמת איז אבער, אז אפילו אין דער צייט ווען איהר האט זיך רעדזשיסטרירט זייט איהר אויך ניט געווען ערנסט. עס איז בלויז ביי אייך געווען א מיטעל זיך ארויפדראפען צו ווערען א ביזנעס אגענט, וועלכעס איהר האט ביי די קאמוניסטען קיינמאל ניט געקענט קריגען, ווייל זיי האבען געהאט בילכערע פון אייך!

נאר ווען איהר האט געזעהן, ווען איינער פון אייערע איז ביים עלעקשאן דורכגעפאלען, און נעקסט ערווארטעט אייך אויך דער זעלבער שיקזאל, דאן איז צייט געווארען פאר אייך זיך איבערצוקוליען און שרייען שלום, טאמער וועט דאס העלפען.

עס איז שוין אזא טראדיציע ביי מאנכע פון אונזערע בעאמטע. ווען מען פערלאנגט פון זיי רעזולטאטען, איז דער ענטפער זייערער אז זיי וואלטען געוואלט טאן, נאר יענע לאזען ניט. מיט אייך איז אויך אזוי געווען, ווען מען האט געזעהן אייער אומפעהיגקייט, איז אייער טענה געווען אז מען מוז האבען שלום! דארטען אבער וואו איהר געפינט זיך איצט, וועט מען פון אייך ניט פערלאנגען גוט צו מאכען, ווייל זיי ווייסען אז זיי קענען ניט מאכען.

איהר פערלאנגט מיר זאלען אייך אנערקענען אלס אן ארגאניזירטע באדי און אלס גלייכע זאלען מיר ריידען וועגען שלום, שטעלט זיך פאר מען שליסט היינט מיט אייך שלום און אלעם ווערט וואויל און פיין. אין א פאר וואכען שפעטער נעמען זיך צוזאמען א פאר הונדערט אומצופרידענע קלאוקמאכער, ווייל אין א מאסע פון פינף און דרייסיג טויזענד קלאוקמאכער געפינען זיך אימער הונדערטע אונצופרידענע, לאזען זיך ארויס איבער'ן קלאוק מארקעט מיט פערלוימדונגען און זידלערייען געגען דער יוניאן און איהרע בעאמטע, און איהר וועט דאך צוגעבען, אז אפילו אין די גוטע צייטען, ווי איהר אליין האט געזאגט, אז די יוניאן איז ביי אייך געווען א הייליגטום, א אידעאל, אז אפילו דאמאלסט האבען זיך אויך געפונען א סך ערב רב וואס האבען געוואלט זעהן די יוניאן פערניכטעט, אדער ווען די יוניאן באשטימט דורך א מאיאריטעט ארויסצורופען א סטרייק וועט זיך די מינאריטעט פאראייניגען און פערלאנגען אז זיי געהען ניט סטרייקען, סיידען די יוניאן וועט זיך מיט זיי אוועקזעצען ביים גרינעם טיש און פערהאנדלען מיט זיי וועגען קאנצעסיעס. אויף אזא אופן וועט עס דאך קיינמאל קיין ענדע ניט נעמען. וועט איהר קענען האבען רעספעקט פאר אזא יוניאן?

נו, וועט איהר אבער זאגען, אז מיט אזעלכע וועט מען ניט דארפען פערהאנדלען, ווייל דיזע לייטע זיינען יוניאן ברעכער און סקעבס! טא פארוואס חבר גאלדשטיין זיינט איהר ברוגז אז מען זאגט אויף אייך אז איהר זיינט יוניאן ברעכער און סקעבס?

אלס אלטער יוניאן מאן ווי איהר שמאלצירט, אויך אלס אזעלכער וואס האלט זעהר שטארק פון ארבייטער אחדות, דארף אין דערזעלבער צייט אויך ווייסען אז אזוי לאנג ווי עס איז דא א יוניאן אין א טרייד, א גוטע אדער א שלעכטע, אזוי לאנג אבער ווי זי ווערט אנערקענט פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג אלס א יוניאן, זיינען אלע אנדערע וואס געהען ארויס רעוואלטירען געגען איהר און גרינדען א צווייטע יוניאן, יוניאן ברעכער און סקעבס. עס איז דא גענוג פלאץ אין דער יוניאן פאר אלעמען.

איר אלס טאלעראנטניק דארפט וויסען, אז אויב איהר ווילט מען זאל זיין טאלעראנט צו אייערע מיינונגען, דארפט איהר אויך קענען טאלערירען דעם צווייטענס מיינונג!

זאגט איהר אבער, אז מען האט אייך אין דער יוניאן ניט געלאזען פארשפרייטען אייערע געדאנקען, און מען האט אייך ארויסגעווארפען, זאג איך אייך דא עפענטליך, אז איהר זאגט במחילה ניט דעם אמת. מען האט אייך גערופען צו דער גריוועגס קאמיטע שוין נאכדעם ווי איהר האט זיך אפיציעל פעראייניגט מיט די קאמוניסטען צו פייטען אונזער יוניאן, וואס דען האט איהר געוואלט: מען זאל אייך א קניפ טאן אין בעקעל, און אפשר נאך צאהלען אייך וועכענטליכע ווידזשעס?

די עקזעקוטיוו באארד האט אייך בלויז אויפמערקזאם געמאכט אז איהר, זייענדיג א באצאלטער באאמטער דארפט זיין דער לעצטער צו אטאקירען דורך ליפלעטס אן אנדער גרופע קלאוקמאכער, אנרופענדיג זיי פאררעטער, פאשיסטען און שווארצע העמדלאך. בלויז דערפאר, ווייל זיי זיינען ניט איינפערשטאנען מיט אייער פאליסי. די עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער האבען אויך געדענקט, אז באצאהלטע באאמטע דארפען טאן די יוניאן ארבייט פאר וועלכע זיי זיינען אנגעשטעלט געווארען, נעמליך, צו קאנטראלירען די שעפער, שליכטען קאמפליינס צווישען ארבייטער און באסעס, אויך צו זעהן ווי ווייט מעגליך צו געפינען באשעפטיגונג פאר די ארבייטסלאזע מיטגלידער, ניט צו טרייבען קיינע פאליטיק און אויפהעצען איין מיטגליד געגען דעם צווייטען און ווען איהר האט געפיהלט, אז אייערע טעג אלס באצאהלטער באאמטער זיינען געצעהלטע, האט איהר ווי א קאמעדיאנט געמאכט א קאזשאלעק, מען זאל מיינען, אז די אויגען האבען זיך ביי אייך געעפענט צו זעהן די קאמוניסטישע ווארהייט. אין דער אמת'ען האט איהר בלויז געזוכט אן ארט וואו איהר זאלט זיך קענען אנווארעמען.

יעס, חבר גאלדשטיין, אונזערע קלאוקמאכער לעבען אין דחקות און נויט, בלויז דערפאר, וואס אזעלכע באאמטע ווי איהר און אייערס גלייכען האבען אויף קיין מינוט ניט אין זינען געהאט די אינטערעסען פון די ארבייטער, נאר בלויז צו ארגאניזירען קליקעס און צו פייטען אנדערע קליקעס וואס זיינען ניט איינפארשטאנען געווען, אז איהר, און נאר איהר דארפט זיין די פארטרעטער פון די ארבייטער.

יעס, איך בין איינפערשטאנען מיט אייך, אז עס איז שוין צייט די קלאוק-

(שלום אויף זייט 10)

מיטינג פון דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

פון הערי וואנדער, סעקרעטער-טרעזשורער.

א רעגעלער מיטינג פון דעם ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סוט, דרעס און ריפער מאכער יוניאן, איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג אווענט, אויגוסט דעם 30טען, 1928, אין דעם אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן — בר. מ. סטאללער.

סעקרעטער'ס באריכטען.

בר. וואנדער באריכטעט דאס די ספעציעלע קאמיטע פאר דער דרעס אינדוסטריע האט אפגעהאלטען איהר ערשטען מיטינג מאנטאג, דעם 27טען אויגוסט, ביי וועלכען די קאמיטע האט זיך ארגאניזירט און ערוועהלט די ברידער סטאללער און וואנדער אלס טשערמאן און סעקרעטאר פון דער קאמיטע. נאכדעם ווי די גאנצע סיטואציע פון דער דרעס אינדוסטריע איז גענוי איבערגענעבען געווארען איז א סאב קאמיטע, באשטעהענד פון א פארטרעטער פון יעדען לאקאל צוזאמען מיט די באאמטע פון דעם דזשאינט באארד און דעפארטמענט מענעדזשערס, אפאינטעט געווארען אויסצוארבייטען א דעפיניטען פלאן פון אקציאן און פארלעגען זייערע רעקאמענדאציעס צום נעקסטען מיטינג פון דער ספעציעלער קאמיטע וואס וועט אין דער נאהענטער צוקונפט געהאלטען ווערען.

בר. וואנדער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

בר. וואנדער אינפארמירט ווייטער דאס די הויפט באאמטע פון דעם דזשאינט באארד האבען זיך בעראטען מיט די פערשיידענע לאקאלען און האבען אויסגעפונען אז מאנטאג אווענט וואלט געווען די פאסענדסטע צייט פאר דער באארד אוו דירעקטארס צו האלטען זייערע מיטינגען און מיטוואך אווענט פאר דעם דזשאינט באארד. זיי רעקאמענדירען דארום דאס די מיטינגען זאלען אזוי ארראנזשירט ווערען.

נאך א גענויע דיסקוסיען ווערט די רעקאמענדאציע גוטגעהייסען מיט 23 שטימען פאר און 2 געגען.

קאמיטעס.

א קאמיטע באשטעהענד פון עדוואורד פ. קעסידי, בירדסלי, און א. י. שיפלאקאף, פארטרעטענדיג די טרייד יוניאן קאמפיין קאמיטע פאר די ערוועהלונג פון נארמאן טהאמאס און דזשיימס מאורער, די סאציאליסטישע קאנדידאטען פאר פרעזידענט און וויס-פרעזידענטען אין דעם קומענדען קאמפיין, מאכט א שטארקען אפיעל דאס מיר זאלען אונטערשטיצען און העלפען די קאנדידאטען, וועלכע זיינען די איינציגע ארבייטער פארטרעטער. זיי פערלאנגען אויך אז דער דזשאינט באארד און אקטיווע מיטגלידער פון אונזער יוניאן זאלען זיך באטייליגען אין דעם טרייד יוניאן קאנפערענץ וואס וועט געהאלטען ווערען מיטוואך, סעפטעמבער דעם 5טען, גלייך נאך דער אבייט, אין וועבסטער האל.

נאך א גענויער דיסקוסיע ווערט באשלאסען אז אלע דעלעגאטען און אקטיווע מעמבערס זאלען באזוכען דעם קאנפערענץ וואס וועט אפגעהאלטען ווערען מיטוואך אווענט, אין וועבסטער האל.

וואס אנבאלאנגט דעם פערלאנג אז דער דזשאינט באארד זאל אינדארסירען דעם סאציאליסטישען קאמפיין ווערט די אנגעלעגענהייט איבערגעוויזען צום באארד אוו דירעקטארס.

גענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

בר. נאגלער באריכטעט וועגען דער טעטיגקייט פון לעצטע וואך און ער ערקלערט אז עס צייגט זיך א באדייטענדע אויפלעבונג אין די לאקאלע און דזשאינט באארד אפיסעס. אין פערלויף פון דער וואך האט מען אפגעהאלטען א צאהל שאפ מיטינגען, וועלכע זיינען געווען זעהר גוט באזוכט. פילע שאפ טשערלייטע זיינען גערופען געווארען צו די אפיסעס פון די פארשיידענע דעפארטמענטס און מ'האט זיך מיט זיי דורכגערעדט וועגען די אלגעמיינע צושטענדע וואס עקזיסטירט אין זייערע שעפער. אין אלע פעלע האבען זיך די טשערלייט ווי אויך די ארבייטער אפגערופען.

דער דיוס דרייוו, ערקלערט בר. נאגלער, געהט אן אויסגעצייכענט טראץ דעם וואס אין טרייד איז נאך אלץ ניטא גענוג ארבייט. בר. דובינסקי, דער טשערמאן פון דעם דיוס דרייוו, גיט אוועק די מעהרסטע צייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד און זיין פערזענליכע אויפמערקזאמקייט צו דעם אז די מעמבערס זאלען ווערען גוטשטעהענד אין דער יוניאן. די ביזנעס אגענטען פאלגען נאך די שעפער און פאסען אויף אז בלויז מיטגלידער וועלכע זיינען גוטשטעהענד, זאלען דארט באשעפטיגט ווערען.

בר. נאגלער באריכטעט ווייטער דאס דער מאס מיטינג פון די דרעסמאכער איז אפגעהאלטען געווארען אין ברייענט האל מיטוואך אווענט, אויגוסט דעם 29טען, און די מיטגלידער האבען ארויסגעצייגט א וואונדערבארען גייסט. עס איז זעהר פארדריסליך וואס פרעזידענט זיגמאן און וויס פרעזידענט שלעזינגער, צוליב זייער אפוועזענהייט פון שטאדט, האבען ניט געקענט אדרעסירען דעם מיטינג. די ברידער רייזבערג, מענעדזשער פון דרעס דעפארטמענט און בר. אנטאניני, מענעדזשער פון לאקאל 89, און ער זעלבסט האבען אבער אדרעסירט די פערזאמעלטע מיטגלידער, וועלכע האבען אויפגענומען די רעדעס מיט גרויס ענטוזיאזם.

דער דרייוו געגען שבת ארבייטען געהט אן אויסגעצייכענט. ביז איצט איז זעהר פיל אויפגעטאן געווארען, אבער בלויז א באגרענעצטע טעריטאריע איז באוואכט געווארען צוליב דעם וואס מיר האבען ניט גענוג מענשען צו טאן די נויטיגע ארבייט. דיזער דרייוו, אום עס זאל זיין ווירקזאם, טאר ניט באגרענעצט ווערען צו א באשטימטען געגענד נאר מ'דארף באוואכען דעם גאנצען מאנופעקטשורינג דיסטריקט יעדען שבת. ער פערלאנגט דארום פון די דעלעגאטען דאס זיי זאלען זעהן אז יעדער לאקאל זאל ארייננשיקען נאך אקטיווע מעמבערס צו באטייליגען זיך אין דיזען דרייוו.

דער ארגאניזאציאנס דעפארטמענט, א דאנק די פארגרעסערטע צאל פון ארגאניזיישאן קאמיטעס, האט אויך פיל אויפגעטאן די לעצטע וואך. דער דעפארטמענט גיט זיך ניט אפ אויסשליסליך מיט ארונטערנעמען ניט-יוניאן שעפער. יוניאן שעפער, וואו די יוניאן באדינגונגען ווערען ניט אפגעהיט, ווערען איבערגעגעבען צו דעם דעפארטמענט אום א שטעלונג זאל געגען זיי גענומען ווערען.

בר. נאגלער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

נעפּאַסטער דרעסמאַכער מיטינג אין ברייענט האָל ערקלערט זיך גרייט אין מלחמה געגען די איצטיגע שקלאַפּישע באַדינגונגען אין דרעס טרייד

(שלוס פון זייט 1)

צום אויסגאַנג פון׳ם אגרימענט, האָט רייזבערג ערקלערט. מען טאָר דעריבער נים פאַרלירען קיין צייט, נאָר מיר מוזען אָנהויבען איצט צו ווערען טעטיג מיט פאַרבאַרייטונגען. מיר האָבען דעריבער אָנגעהויבען א דרייוו און מיר ווילען זעהן, אז דער דרייוו זאָל ווערען וואָס שטאַרקער און וואָס אינטענסיווער. אָבער דער דרייוו וועט נאָר זיין ווי א פאַרשפּיל, ווי א פאָרווערטס צום גרויסען דרייוו צום סטרייק, וואָס איז נויטיג ווי דער לעבען פאַר דער דרעס אינדוסטריע.

„אינ׳ם דרעס טרייד איז פאַרגעקומען א גאַנצער איבערבייט. די אינדוסטריע האָט זיך געוואַלדיג אויסגעשפּרייט, אויסגעברייטערט און מיט דער אויסשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע איז אריינגעקומען אַן עלעמענט ארבייטער וואָס זיינען נאָך נים געווען אָרגאַניזירט. זיי ווייסען אפילו נים וואָס א יוניאָן באַדייט, און צוליב דעם וואויל־און־בעסטען פון דער אינדוסטריע, און איבערהויפּט צוליב די וואָס פּראַצעווען אין דער אינדוסטריע, מוז דער עלעמענט אריינגעצויגען ווערען אין דער יוניאָן. אין קורצען: די דרעס טרייד מוז ארגאַניזירט ווערען כדי די ארבייטער פון דעם טרייד זאָלען קאָנען מאַכען אַן אנשטענדיגען לעבען, ווי יוניאָן־לייט, ווי די ארגאַניזירטע ארבייטער פון דעם טרייד זיינען געוואוינט געוואָרען דורך דער צייט וואָס די יוניאָן האָט געבליהט און איז געווען דער שטאָלץ פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג.

„די ספּעציעלע קאָמיטע טרעט איצט צו צו דער ארבייט און וועט מאַכען אַלערליי פאַרבאַרייטונגס פּלענער, וועלכע וועלען פאַרגעבראַכט ווערען פאַר דער ברייטער מיטגלידערשאַפט גוטגעהייסען צו ווערען. די קאָמיטע וועט זיכער נים זשאַלעווען קיין מיה צו טאָן דאָס בעסטע וואָס וועט נאָר מעגליך זיין, אָבער צו דער קאָמיטע מוז אָבער זיין די קרעפטיגע טעטיגקייט פון די מעמבערס, ווייל דער כח פון דורכפיהרען גרויסע זאַכען ליגט נאָר אין דער ברייטער מיטגלידערשאַפט. די מיטגלידער באַזיצען אָט דעם כח און וועלען דאָס מוזען באַווייזען גלייך פון נאָך דעם איצטיגען אָפּגעהאַלטענעם מיטינג, אין ברייענט האָל.״

ברודער רייזבערג האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער אומגעהייערער סקעבעריי פון דער קאָמוניסטישער סקעב געזינדעל, פון דער סקעב אָפּאָזיציע „יוניע״ און לויט זיין מיינונג קומט דער קאָמוניסטישער געזינדעל א דאַנק פאַר איין זאַך, נעמליך, פאַר ארונטעררייסען מיט זייערע אייגענע הענט זייער מאַסקע פון זייער סקעבישען פּרצוף און דאָס וועט זיכער ברענגען צו זייער פולשטענדיגער מפּלה.

ברודער רייזבערג׳ס באַריכט פון טעטיגקייט און זיין אייגליטונגס וואָרט צו דער גרויסער פאַרבאַרייטונג אין טרייד פאַר א גענעראַל סטרייק, איז שטאַרק אָפּלאָדירט געוואָרען פון די מעמבערס.

אין דעם זינען האָט אויך געהאַלטען א רעדע וויים פּרעזידענט אַנטאָנינא. זיין רעדע איז געווען מיט איטאַליענישען טעמפּעראַמענט, איראָניע, וויץ, פּאַטאָס און, פאַרשטעהט זיך, אז דאָס האָט ארויסגערופען א שטאַרקען אָפּלאָדז. זיין רעדע האָט ער געהאַלטען אין ענגליש און אין איטאַליעניש.

גענעראַל מענעדזשער, נאַגלער, איז געווען דער לעצטער רעדנער. און א שטאַרקער, איינדרוקספולער אויפרוף פאַר טעטיגקייט זיינען געווען די ציגעל פון וועלכע זיין רעדע איז געבויט געווען:

„איבער די דרעסמאַכער הענגט די סכנה פון שקלאַפעריי, אויב מען וועט נים זיין גרייט צו אַקטיוויטעט — האָט נאַגלער אויסגעשריען קרעפטיג. מיר מוזען אָנהויבען צו ארגאַניזירען, מיר מוזען אָנהויבען אַן ארגאַניזאַציאָנס־דרייוו, וואָס זאָל ברענגען באַלדיגע רעזולטאַטען, און וואָס זאָל אויך דינען פאַר אַן עטאַפּ אויף ווייטערדיגע צוגרייטונגען און ערוואַרונגען. דאָס מיינט צוגרייטונגען פאַר א גענעראַל סטרייק וואָס זאָל מאַכען מעגליך די ארגאַניזירונג פון דער דרעס־אינדוסטריע.

„די מיטגלידער פון דער יוניאָן מוזען צוריקקריגען דעם גייסט פון 1909. דאָס איז געווען א היסטאָרישער יאָהר וואָס די אינטערנעשאָנאַל האָט אָנגעהויבען צו מאַכען געשיכטע. אין דעם יאָהר האָבען די ווייסט־ און דרעסמאַכער באַוויזען אויפצובויען א יוניאָן וואָס איז געוואָרען מעכטיג און שטאַרק צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער; א יוניאָן וואָס איז געוואָרען דער שטאָלץ און כבוד פון דער גאַנצער אידישער ארבייטער־באַוועגונג.

„ס׳איז אמת, אז די קאָמוניסטישע סקעב באַנדע טוט אָן א סך שאָדען דער יוניאָן. די קאָמוניסטישע סקעב אגענטור איז פאַר די באַלעבאַטים מעהר ווי געוואונשען און די באַלעבאַטים נוצען אויס די געלעגענהייט צו פאַראָרימען די ארבייטער און מאַכען זיך רייך. זיי וואָלטען פאַר אַזאַ סקעב אגענטור באַצאָלט מיליאָנען דאָלאַרס, און אויך דערמאָלט וואָלטען זיי זיכער אַזאַ באַוואוסטזיניגע סקעב באַנדע נים געקראָגען צום דינסט פאַר זייערע צוועקען. מיר קאָנען אָבער און מיר וועלען אָט די סקעב באַנדע פאַרניכטען און מיר קאָנען קומען צו אונזער גרויסער מאַכט און שטאָלץ פון 1909 ווען נאָר מיר טרעטען צו צו אַקטיוויטעט מיט דעם זעלבען גייסט אין אָפּפערווילינקייט ווי אין יאָהר 1909.

„מיר רופען צו אייך, דעריבער, אין נאָמען פון דער יוניאָן, אין נאָמען פון אייך זעלבסט, און אין דעם נאָמען פון אייערע פאַמיליען און קינדער וואָס זיינען אָפּהענגיג אָן אייך פאַר א לעבען — אָט אין זייער נאָמען רופען מיר צו אייך: קומט און ארגאַניזירט זיך! מיר רופען צו אייך: קומט און גיט א ווידערשטאַנד געגען די איצטיגע שקלאַפּישע באַדינגונגען! נאָר אָט דער ווידערשטאַנד וועט זיין בכח צו צושטערען די פאַרברעכערישע שקלאַפּישע באַדינגונגען אין דעם טרייד! זייט דעריבער גרייט פאַר באַלדיגער אַקציע אין דער נאָהענטער צוקונפט; זייט גרייט פאַר א רעוואָלט, פאַר גענעראַל סטרייק!״

די פילע הונדערטער מיטגלידער האָבען אָפּגעשאַצט די האַרציג אַפּעלירענדע ווערטער פון מענעדזשער נאַגלער און האָבען דאָס אויסגעדריקט דורך שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען און דורך דער פאָלגענדער רעזאָלוציע וואָס זיי האָבען איינשטימיג אָנגענומען.

די רעזאָלוציע.

„מיר, די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל לידיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, זייענדיג באַשעפטיגט אין דער לידיעס גאַרמענט אינדוסטריע, פאַרזאַמעלט אויף א גענעראַל מעמבער מיטינג, אין ברייענט האָל, דעם 29טען אויגוסט, 1928, טוען מיר אויסדריקען אונזער שאַרפסטע פאַרדאַמונג צו די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך אָפּען ערקלערט פאַר אַן אָפּאָזיציע סקעב ארגאַניזאַציע געגען אונזער יוניאָן;

„מיר פלעדזשען זיך מיט אונזער פולשטענדיגער לאָיאַליטעט צו דער אינטערנעשאָנאַל און דער דזשאָינט באָאַרד אין זייערע איצטיגע באַמיהונגען צו ברענגען די ארגאַניזאַציע צו א פּאָזיציע כדי צו זיין אימשטאַנד צו באַשיצען און צו באַשטעהן אויף דורכפיהרען אונזערע אגרימענטס מיט די מאַנופעקטשורערס;

„מיר פאַרפליכטען זיך אויך צו קאָאָפּערירען פול־האַרציג מיט די באַאַמטע פון אונזער ארגאַניזאַציע כדי צו פאַרשטאַרקען אונזערע רייען און אויפצוּוועקען דעם גייסט פון אונזערע מיטגלידער און העלפען אין דער פאַרבאַרייטונג פאַר א גענעראַל סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע, ווען אונזערע אגרימענטס מיט די באַלעבאַטים וועלען זיך ענדיגען און אויב די יוניאָן וועט עס געפינען פאַר נויטיג.״

בריף צו מר. אינגערסאָל דעקט אויף די סקעבעריי פון קאָמוניסטישע אגענטען

(שלוס פון זייט 1)

צייט אין דער „גערעכטיגקייט״ רייסט פּשוט אַלעמענס אויגען און קענען נים אָפּגעלייקענט ווערען.

מיט א צייט צוריק האָבען מיר דערצעהלט פאַר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט״ פון אָנבאָטען וואָס דער טרויעריגער „טשיף״, מר. היימאַן, דער טשערמאַן פון דער נאָמענלאָזער סקעב־קאָמיטע, האָט געמאַכט צום מענעדזשער פון דער באָסעס אַסאָסיאיישאָן. „25 דאָלאַר א וואָך איז גענוג פאַר די ארבייטער״, האָט ער איהם געזאָגט. פאַר 25 דאָלאַר א וואָך הייסט ער די ארבייטער ארבייטען! פרעגט איהם בחרם, ווער זיינע ארבייטער זיינען און ווער עס גיט איהם דאָס רעכט צו רעדען וועגען ארבייטער? אָסור אויב ער האָט א ריכטיגען ענטפער צו געבען אויף אָט דיזע פראַגען. ער קען נאָר געבען א חוצפה׳דיגען ענטפער, און דאָס איז אז ער טוט עס צו להכעיס זיגמאַן און קאָמפּאַניע!

איצט האָט דער מענעדזשער קליין אין א בריף צום אומפּאַרטייאישען טשערמאַן אינגערסאָל ווידער אויפגעדעקט וועגען פאַרהאַנדלונגען וואָס דער זעלבער סקעב־טשיף און איינער א שמן־זית׳דיגער סקעב־יונגערמאַנטשיק, א מר. וויים, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אינ׳ם סאָבוויי פון די קאָמוניסטען און וואָס קיינער האָט ביז דער קאָמוניסטישער „רעוואָלוציע״ נים געהערט און נים געזעהן פון איהם, האָבען געמאַכט אָנבאָטען צו א באָס פון פולשטענדיגע אָפּען שאָפּ באַדינגונגען. זיי האָבען צוגעשטימט צו אַלערליי אָפּען שאָפּ באַדינגונגען, וואָס דער באָס האָט פאַרלאַנגט: 42 שטונדען אַנשטאָט 40 און האָבען זאָגאָר איינגעשטימט צו ארבייטען אָהן א קאָנטראַקט אבי דער באָס זאָל זיי בלויז צוזאָגען אז ער אנערקענט זייער יוניע.

אָט דעם פאַקט גיט איבער דער מענעדזשער קליין אין א בריף צום אומפּאַרטייאישען טשערמאַן. און א דאַנק די אָנבאָטען, א דאַנק אַזעלכע באַהאַנדלונגען מצד די סקעבישע אגענטען מיט די באַלעבאַטים; א דאַנק דאָס איינשטימען פון דעם מר. וויים, דעם שמן־זית׳דיגען סקעב יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט איינגעשטימט צו די פאָדערונגען פון דעם געוויסען באָס צו ארבייטען אָהן אַן אגרימענט און אונטער אַלע אָפּען שאָפּ־באַדינגונגען, איז דער באַלעבאָס, וואָס האָט געדאַרפט קומען סעטלען מיט דער יוניאָן, נים געקומען — ווייל ער נויטיגט זיך שוין נים אין א יוניאָן־שאָפּ, אין דער צייט וואָס א סקעב־פירמע האָט איהם צוגעזאָגט צו געבען פּראָטעקציע, אז מען זאָל קענען ביי איהם ארבייטען אויף סקעב־באַדינגונגען.

יאָ, אָט דאָס איז די ארבייט פון מענשען, וואָס פּרעטענדירען אויף רעוואָלוציע און האָבען זיך געקרוינט מיט דעם נאָמען רעוואָלוציאָנערען — א נאָמען וואָס בלויז רעוואָלוציאָנערען און אידעאַליסטען האָבען איהם די ווערט צו טראָגען, אָבער נים קיין סקעבס, נים קיין סולקעסעס, נים קיין דזשאַב זוכער.

זאָלען די ארבייטער געדענקען אָט די מעשים תעתועים פון דעם מאָדערנעם סקעב־געזינדעל. זיכער וועט מען סוף כל סוף דעם סקעב־געזינדעל בייקומען, אָבער די ארבייטער מוזען, לויט די אַלע אמת׳ע פאַקטען, געדענקען ווער זייערע פאַרפיהרער זיינען געווען.

לידיעס טיילאָרס יוניאָן לאָקאַל 38, פאָדערען 40 שטונדען און א העכערונג פון שכירות אין נייעם אגרימענט

(שלוס פון זייט 1)

די יוניאָן האָט אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים אין מעקאַלפּין האָטעל. פון דער יוניאָנ׳ס צד זיינען געווען פאַרטראָטען פּרעזידענט זיגמאַן, ברודער דרייזין, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 38, און מאָרים הילקוויט אלס דער יוניאָנ׳ס לאָיער. דערצו איז אויך געווען א קאָמיטע פון עקזעקוטיוו באָארד פון ל. ראַי, טאַרטשינסקי, סעם דרעזינסקי, איזידאָר דזשייקאָבס און מיס בענטשמען.

פון דעם באַלעבאַטימ׳ס צד זיינען געווען פאַרטראָטען בוינדראָף און גודמאַן, בענדעל, סטיין און בליין, טאַפּפּער, מעדעם טירען און מערעם פּרענסיס אין זייער לאָיער מר. האָוואַרד ספּעלמאַן.

א שטאַרקער קאַמף האָט זיך אויף דער קאָנפערענץ אַנטוויקעלט וועגען די יוניאָן פאָדערונגען און די פרעכע געגען־פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים, און צו קיין אויסגלייך איז מען נים געקומען. אָבער די קאָנפערענץ איז נים אָפּגעבראָכען געוואָרען. און ווייטערע פאַרהאַנדלונגען וועלען אָנגעהן. אַזוי שנעל ווי עס וועלען זיין רעזולטאַטען פון דער קאָנפערענץ, וועלען אַלע מיטגלידער גערופען ווערען צו א מיטינג און מען וועט זיי אָפּגעבען א פולשטענדיגען באַריכט.

ווי ברודער דרייזין, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 38, גיט אונז איבער, „וועלען די באַלעבאַטים מוזען איינזעהן, אז די יוניאָן־פאָדערונגען זיינען גערעכטע. און ווייל מיר זיינען גערעכט וועלען מיר מוזען זיגען״. פאַרשטעהט זיך, די פרעכע פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים האָבען צו טאָן מיט דעם טומעל און כאָאָס וואָס די קאָמוניסטען האָבען געשאַפען אין די יוניאָנס, און די באַלעבאַטים דענקען אז זיי וועלען קענען אַנסטראַשען די ארבייטער און נעמען אדוואַנטעדזש פון דער לאַגע.

ערשטע וואָך דיוס קאַמפּיין ברענגט גלענצענדע רעזולטאַטען

(שלוס פון זייט 1)

האָט מען באַדאַרפט זיין פאַרבערייטעט מיט פינאַנסען פאַר א קאַמף, האָט מען באַדאַרפט ארויסווייזען די פולסטע איבערגעבענהייט און אויפריכטיגקייט צו דער יוניאָן, האָט מען באַדאַרפט ערפילען די פליכטען.

עס פרעהט אונז צו הערען אַזעלכע ערקלעהרונגען פון די בעל מלאכות און מיר זאָגען בראַוואָ קלאָוקמאַכער! עס צייגט, אז אייער האַרץ איז גאַנץ, עס קלאַפּט נאָרמאַל. עס צייגט, אז די קאָמוניסטישע סקעבישע גיפט האָט אייך נים פאַרגיפטעט, איהר פאַרשטעהט די אינטערעסען פון דער יוניאָן, איהר קומט צו אייער זינען און דאָס וועט די יוניאָן ווידער אויפבויען.

די נעקסטע פאַר וואָכען, ערקלעהרט ברודער וויים פּרעזידענט דובינסקי, דער הויפּט פון דעם דיוס קאַמפּיין, וועט די יוניאָן ווידער אָנגעהן מיט נאָך מעהר אינטענסיוויטעט, מיט מעהרער קראַפט. אין די שפּעטער ליגט אַן אוצר מיט געלד וואָס די מיטגלידער קומען דער יוניאָן און דאָס וועט מוזען קאָלעקטעד ווערען. לויט די ערקלעהרונגען פון די קלאָוקמאַכער זעלבסט צו די ביזנעס איידזשענטס, ערקלעהרט דובינסקי, טאָר קיין קלאָוקמאַכער נים שולדיג בלייבען א סענט דיוס צו דער יוניאָן. די קאָמוניסטען האָבען נעספּענט א שלל מיט געלד, די גאַנצע טרעזשורי פון דער יוניאָן און צו דעם געבאָרגטע מיליאָנען דאָלאַרס וואָס די יוניאָן האָט געליגען און מוז אָוועקגעבען, און מען מוז אָנגעהן מיט יוניאָן טעטיגקייט, וואָס יעדער טעטיגקייט קאָסט געלד. און עס פרעהט אונז וואָס די קלאָוקמאַכער פאַרשטעהען דאָס און אין די נעקסטע פאַר וואָכען צייט וועט דער דיוס קאַמפּיין מוזען דעקען די הוצאות פון דער יוניאָן טעטיגקייט און אויך פאַר חובות אָפּצוגעבען.

די לעצטע פאַר וואָכען זיינען מאַסען שאַפּ טשערליים געקומען מיט די ביכלעך און געלד פון זייערע שאַפּ מיטגלידער צו באַצאָהלען דיוס אין פאָראויס. די נעקסטע פאַר וואָכען ערוואַרטעט די יוניאָן אז די צאָל פון אַזעלכע שאַפּ טשערליים זאָל זיין נאָך גרעסער אין צאָהל. דאָס וועט געבען מוט די באַאַמטע פון דער יוניאָן וועלכע וועלען מיט ערנסטקייט און איבערגעגעבענהייט ענטפערען מיט טעטיגקייט פאַר די אינטערעסען פון דער יוניאָן און איהר ברייטע מיטגלידערשאַפט.

הארלעם באַנק און קאָמערס

וואָס האָט זיך מיט א קורצער צייט צוריק פאַראייניגט מיט דער

אַטלאַנטיק סטייט באַנק

איז איצט געוואָרען א טראַסט קאָמפּאַני אונטער דעם נאָמען

סיטי טראַסט קאָמפּאַני און ניו יאָרק

און פאַרמאָגט 5 באַזונדערע באַנק הייזער אין גרייטער ניו יאָרק, וואָס זיינען נים בלויז באַנקען נאָר אויך רעגעלע טראַסט קאָמפּאַניס.

הויפּט אָפיס:
2118 סעקאָנד עוועניו, ניו יאָרק.

מאַררעי היל ברענטש:
431 — 3טע עוועניו, ניו יאָרק.

אַטלאַנטיק עוועניו בענק אָפיס:
594 אַטלאַנטיק עוועניו, ברוקלין, נ. י.

הארלעם מאַרקעט ברענטש:
2105 ערשטע עוועניו, ניו יאָרק.

פ. מ. פעררארי, פּרעזידענט.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Journal
Published every other Friday by the Int'l Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication: 76 MONTGOMERY ST., Jersey City, N. J.
General Office: 3 W. 16th ST., NEW YORK, N. Y. Tel. Chelsea 2148

MORRIS SIGMAN, President
A. BAROFF, Secretary-Treasurer
MAX D. DANISH, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. X, No. 29 Friday, September 7, 1928

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1923 at Postoffice at Jersey City, N. J. under the Act of August 24, 1912
Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1923.

א שיקאגא'ער פיידזש

היגע נייעס און פאסירונגען

פון מאריס ביאליס.

אין גאס שטעלט מיר אפ אן ארבייטסלאזער קלאוקמאכער און פרעגט מיר: „נו, ביאליס, וואס וועט זיין? ווען וועל איך שוין אויך נעהאלפען ווערען עפעס מיט א שטיקעל דזשאב?" איך בלייב שטעהן און ענטפער איהם ניט באלד. איך בין פארנומען מיט דעם געדאנק וואס ענטפערט מען דעם מענשען, אז עס זאל איהם צופרידען שטעלען? איך קען דעם מענשען. איך וויים, אז ער ארבייט שוין ניט גאר א לאנגע צייט, און דא איז דער סיזאן א טרויעריגער, א שלעכטער, אז עס איז פשוט ניט צו קויפען קיין דזשאב פאר געלט. מיין ארבייטסלאזער נוצט דערוויל אויס די געלעגענהייט. מיין שווייגען מאכט איהם דרייסטער און ער זעצט פאר: „וואס בין איך ביי אייך ערגער פון אלעמען, וואס? דאכט זיך, אלע ארבייטען, אלעמען האט איהר געגעבען דזשאבס. א טאג־צוויי אין וואך איז אלץ בעסער פון גארניט, אלץ בעסער ווי זיך ארומדרעהען לעדיג. עס איז דאך מיר שוין פשוט א שאנדע פאר זיך אליין; פאר דער ווייב איז דאך מיר שוין א שאנדע"!

מיין ארבייטסלאזער וואלט נאך גערעדט און גערעדט, אז ער און נאר ער איז דער איינציגער, וואס דרעהט זיך ארום אהן ארבייט, נאר אין די פאר מינוטען וואס דער געשפרעך האט גענומען, האט זיך ארום אונז ארומגעקליבען א גאנצער מאסען־מיטינג, און גאר פון מענשען וואס האבען קיין ארבייט נים, און איך האב שוין קיין מעגליכקייט נים געהאט צו ענטפערען מיין ארבייטסלאזען פריינד, ווייל עס איז געווארען א געפילדער, א צומישעניש פון פארשיידענע פראגען. יעדער איינער האט געטרייט צו באווייזען, אז ער געהט שוין ארום לענגער לעדיג ווי דער אנדערער. איינינגע האבען נאטירליך די שולד פון זייער ארבייטסלאזינקייט געלעגט אויף דעם ביזנעס אייזדזשענט. אנדערע ווידער האבען באוויזען, אז סיי פאר א יאהרען און סיי פאר צוויי יאהרען איז קיין ארבייט ניט געווען אין פאל סיזאן און אז די באאמטע פון דער יוניאן זיינען נים שולדיג ווען קיין ארבייט איז ניטא, און אזוי וויטער. אזוי ווי די גאנצע דעבאטע איז פארגעקומען אין גאס, וואו קיין פארלאמענטארישע רולס ווערען נים באנוצט, האט איינער דעם צווייטען געטרייט איבערשרייען וואס העכער, ביז אן ארדנונגס־היטער אין א בלויען ראק איז צוגעקומען און דעם מאסען־מיטינג צוטריבען. דער עולם האט זיך צורוקט און אין קליינינקע גרופקעלאך זיך צושאטען איבער מארקעט־סטריט, וואהרשיינליך פארטצוזעצען דעם געשפרעך.

איך האב זיך געלאזט געהן צום אפיס. איך געה מיט א שווערען געמיט. די נאר־וואס פארלאזענע דעבאטע האט אויף מיר א שווערען איינדרוק געמאכט און איך טראכט ביי זיך, צי זיי זיינען יא גערעכט צי ניט גערעכט, ווער אבער קען זיי בליימען? דער סיזאן איז א שלעכטער; מענשען געהען ארום וואכען און וואכען לעדיג, און לעבען דארף מען דאך, און אז עס איז ניטא מיט וואס איז טאקע ביטער אויפ'ן הארצען, און עס רעדט זיך, און מען בליימט דעם אדער יענעם, איך האב זיך דערמאנט, אז איך בין נאך שולדיג אן ענטפער צו מיין היינטיגען ערשטען ארבייטסלאזען. איך וועל איהם אבער זיכער ענטפערען ביי א לאקאל־מיטינג, וואו איך האף אז די פראגע וועט אויפגענומען ווערען. אז ער איז נים דער איינציגער וואס געהט ארום לעדיג, דאס איז איהם אודאי קלאר געווארען דורך דעם רעדעל מענשען וואס האבען זיך ארום אונז היינט ארומגעשטעלט!

שאפ פיקניקס.

היימאן בראס. שאפ איז ניט נאר איינער פון די גרעסטע יוניאן־שעפער, וואס מיר האבען אין שיקאגא, נאר די פירמע איז אויך איינע פון די גרעסטע אין היגען דרעס־מארקעט. מיר זיינען זיכער, אז פאר דעם ערפאלג וואס די פירמע האט געהאט זיים איהר עקזיסטענץ איז הויפטזעכליך צו פארדאנקען דעם פאקט וואס זיי האבען אלע מאל אויסגעמיטען צוויסטיגקייטען מיט דער יוניאן און אלע מאל געזוכט שלום אויף אזוי וויים ווי עס איז נאר מעגליך שלום צווישען קאפיטאל און ארבייט!

אין דעם יאהר 1924 ווען די יוניאן האט דורכגעמאכט דעם ביטערסטען צוזאמענשטוים מיט די דרעס מאנופעקטשורערס, זיינען היימאן בראס. געווען די ערשטע צו סעטלען מיט דער יוניאן אויך אין יאהר 1927 ווען די לינקע מנפה האט זיך צובושעוועט און אנגעפאנגען איהר צושטערונגס ארביים, האבען זיי זייער צושטערונגס ארביים אנגעהויבען מיט'ן פעסטונג היימאן בראס. עס איז זיי אבער ניט געלונגען. ווייל ערשטענס מוז געזאגט ווערען אז די ארבייטער פון יענעם שאפ זיינען אמת'ע איבערגעבענע יוניאן־לייט און צווייטענס האבען די באלעבאטים זיך ניט געלאזט פארדרייען די קעפ. אום אפצוברעכען דעם אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנאל ווי די קאמוניסטען האבען דאס פארגעשלאגען. מיט עטליכע וואכען צוריק האט די דזשאינט באארד דערהאלטען א לעטער פון דער אויבען דערמאנטער פירמע דורך וועלכע די דזשאינט באארד איז געווארען איינגעלאדען צו א פיק־ניק וואס די פירמע מאכט פאר אלע ארבייטער און אנגעשטעלטע, דעם אמת געזאגט האבען מיר זיך אנפאנגס אביסעל געקווינקעלט וועגען דער גאנצער זאך אבער דער לעטער איז אנגענומען געווארען און א אפיציעלע קאמיטע איז אפאינטעט געווארען ביי צו־וואוינען דעם פיק־ניק! קומענדיג צום פיק־ניק און צוזעהענדיג ווי אונזערע מיטגלידער אמוזירען זיך האבען מיר זיכער קיין חרטה ניט געהאט וואס מיר זיינען דארטען געווען. די יוניאן קאמיטע איז פון די היימאן ברידער, זעהר שוין אויפגענומען געווארען און אלע צוזאמען האבען זיך אמוזירט ביז שפעט אין אווענט.

קאמוניסטישע גאריקאס בעפאלען אן ארבייטער.

ניט געשטראפט זאל איך ווערען פאר מיינע רייד, ווען מיר ריידען אין שיקאגא וועגען די קאמוניסטען האבען מיר דאך טאקע ניט וואס צום זינדיגען. אנדערע שטעדט וואלטען זיך געוואונשען האבען דעם זעלבען מזל ווי שיקאגא האט געהאט אין דעם אויסרייניגען דעם לינקען שמוץ ניט נאר פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן נאר אין אלע היגע אידישע יוניאנס, נאר זיך אומקערען צוריק צו אונזער יוניאן, זיינען דאך די קאמוניסטען געבאך אזוי נישטיג, אזוי קליינליך, אזוי ווייניג אין צאהל, אז זיי דארפען זיך דאך פשוט באגראבען פון שאנדע, די קלאוק און דרעסמאכער האבען זיי שוין לאנג — לאנג דערקאנט און פארשטאנען זייערע אמת'ע מאטיווען און דערפאר האבען זיי דאך טאקע געכאפט אזא מיאוס'ען לינקען סוף. די קלאוק און דרעסמאכער האבען זיי פארטריבען פון זיך וואו דער שווארצער פעפער וואקסט!

און וואס אנבעלאנגט אונז וואלטען מיר זיכער ניט גערעדט פון די לינקע, ווי מיר האבען דאס שוין ניט געטאן פאר א גאנץ לאנגע צייט, נאר לעצטענס האט פאסירט א צופאל וואס לוינט זיך צו זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם. דער דאזען לינקע וואס איז נאך ביי אונז פארבליבען אלס זכר לחורבן האבען געוואלט עפעס ציינען פאר דער וועלט אז שיקאגא האט לינקע, אדער אפשר האבען זיי זיך פארשעמט פאר זייערע חברים אין ניו יארק וואס זיי ליגען דא אזוי איינגעלעגט. נאר מער פון אלעם איז מעגליך אז די היגע עטליכע טראמבעניקעס האבען אויך געוואלט קריגען א פאר גראשען פון דעם לעצטען מאסקווער בודזשעט צו צוברעכען יוניאנס. אבער געלט קריגט מען נים גלאט פאר ליגען איינגעלעגט מען מוז מאכען א טומעל, נו זיינען אין א געוועהנליכען דינער טיים ארונטערגעקומען א צוויי לינקע מיט עטליכע געדונגענע שלאגערס און בעפאלען אן ארנטליכען ארבייטער, א גוטען אקטיווען יוניאן טוער מאקס גראפמאן, א מעמבער פון לאקאל 5, א מענש וואס איז פאר זיין ארנטליכקייט בעליבט ביי די אפרייטארס און דאס האבען די אפרייטארס לעצטענס ארויסגעוויזען דורך דעם וואס זיי האבען גראפמאנען געשיקט צו דער לעצטער קאנווענשאן מיט דער גרעסטער צאהל שטימען, אלזא געכאפט גראפמאנען אים צושלאגען און געמאכט פלימה. אונזערע קלאוקמאכער זעהענדיג וואס ס'האט פאסירט האבען זיך א לאז געטאן נאך די נארילאס. וואס ווייטער האט פאסירט, וועל איך בין דארטען ניט געווען. נאר איך, און איהר אויך מענט זיך פארלאזען אויף די שיקאגא'ער באיעס: די באיאנסקע געשיכטע האט אויפגעבראכט א גרויסע צאל פון אונזערע מעמבערס און דעם נעקסטען טאג איז דער קלאוק מארקעט געווען באדעקט מיט פרייוויליגע קאמיטעס וועלכע זיינען געקומען באשיצען יוניאן מיטגלידער, די עטליכע לינקע האבען זיך בעהאלטען און איהר זאלט שפילו וועלען צאהלען א רענדעל פאר א לינקען איז נים געווען צו כאפינען! זאל דאס זיין שלום והשקט, די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן וועט זיכער נעמען שריטע צו פערטיידיגען די מיטגלידער פון באיאנסקע אנפעלע, מיר זיינען זיכער בכח דאס צו טאן, ווייל די מיטגלידערשאפט איז מיט דער יוניאן און וויל האבען א יוניאן און געדונגענע גאריקאס וועלען גארניט קענען העלפען קעגען דעם ווילען פון דער מיטגלידערשאפט.

פרעזענטירען דעם שאפ טשערמאן.

די ארבייטער פון שענקער, מישעל און וויינסטאק האבען ביי א שאפ מיטינג דעם 26טען אויגוסט אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט פון דער גוטער ארבייט פון זייער שאפ טשערמאן ברודער מאריס ראטה. די שענקער, מישעל און וויינסטאק שאפ איז די גרעסטע אין שטאדט, עס ווערען דארטען באשעפטיגט ארום 200 ארבייטער, פאלגליך נויטיגט זיך פייאינקייט און א סך געדולד צו זיין א שאפ טשערמאן און צופרידען שטעלען אזא עולם, די ארבייטער האבען זייער צופרידענהייט אויסגעדריקט דורך דעם וואס זיי האבען איהם פרעזענטירט מיט א גרויסארטיגען און ווערט־פולען ריידיא־סעט און א וואונדערבאר שיינעם קאבינעט.

עס איז אמת געווען א פארגעניגען ביייצוואוינען דעם מיטינג, מיר ווינשען ברודער ראטהמאן און זיין פאמיליע צו נוצען דעם פרעזענט געזונט. די קאמיטע באשטיים פון דייוו סטערן, דזש. לאטערמאן, דזש. ליפשיץ, מ. נאוואק און ב. קראנענבערג פון לאקאל 6. א. שער, דארע שוכמאן און י. רענד לאקאל 59. ד. גאלדסטיין לאקאל 18.

נח'ס קאסטען

(א בריף אין רעדאקציע)

מיין גוטמוטיגער פריינד געציל, דער קלאוק פינישער, שפאצירט מיט מיר אויפ'ן באארד וואק אין קאני איילענד און פארוואהרפט מיר מיט זיינע תמימות'דיגע, נאאיווע פראגען.

צי וואס, זאגט ער מיר, ברודער, האבען מיר געדארפט צוריקנעמען די יוניע ביי די לינקע, א צובראכענע, א פארוויסטעטע? נעבאי וואלטען מיר זיי געלאזט זיך האלטען מיט איהר ביז זיי וואלטען זי אליין אוועקגעווארפען. וואלטען מיר דאמאלס געבויט א נייע און זיי וואלטען צו אונז קיין טענות געהאט, אז מיר האבען זיי אפגעקוילעט. און ווארום, בעט איך אייך, זאגט מען אויף זיי — די לינקע הייסט עס, אז זיי זיינען קאמוניסטען? את איז דאך מיין געוועזענער ברודער היימאן א גלאווגער מאכער ביי זיי און איז ניט קיין קאמוניסט.

אך, וואס ער צורעדט, פון וואנען נעמט זיך דאס צו איהם? אה, היפעל און וואסער, איהר זעהט נאר, ער טרייסעלט זיך ווי א לולב און שיט מיט זיין דיבור ווי ארבעס פון א זאק.

און פון וואנען, ערקלעהרט מיר, גע־מען זיך ביי זיי אזויפיל כחות אויסצוהאלטען? די גרויסע מאסען האבען זיי פארלארען, פון די אפיסעס ארויסגעטריבען און דאך זשיפען זיי.

עס לויפען דורך אין זכרון מאמענטען פון געדריקטער שטימונג ווען טויזענטער קלאוקמאכער זיינען געווען אריינגעווארפען אין סטרייק ווי א קנויל. געסטרייקט וואכען אהן א ברעג, אהן אויסזיכט פאר אן ענדע.

איך דערמאן זיך די דריי מיליאן דאלאר וואס זיי האבען ארויסגעצויגען ווי מיט א ריזיגען פאמפ פון רעכטס און פון לינקס. פון צוואנציג פראצענטיגע פראצע פון קלאוקמאכער פון א שמייער פון טעג ארביים, געבארגט פון סטרייקערם קאר־פעיר און סטרייק בענעפיט און געקליבען א קניפעל פאר שפעטער, צו קענען ווערגען און שטיקען די יוניאן. מיר געדענקען זייערע „פעהיגע סטרייק פיהרער", זייער ראש המדברים פון שווארצען גיפט — משה'לע רובין. ווער קען דאס פארגעסען דעם קלוגען „פראקטישען" ענטפער וואס זייער סטרייק פירער האט געגעבען דער אינטערנעשאנאל צו לאזען די. אויסגעמאטערטע סטרייקערס סטרייקען נאך א צווייטען סיזאן, נאך די פיר און צוואנציג וואכען ליידען און נוים מיט זייערע פאמיליען? נאר א מענש וועמען עס פעלט דער באגריף פון גרויסער פאראנטווארטליכקייט און דער געפיהל צו מענשליכען נויטען און מאטערנישען קען זיך ערלויבען אזעלכע אויסזיכטלאזע תמעוואטע האנדלונגען.

ברודער שלעזינגער האט אמאל אין זיינער א רעדע באמערקט אז היימאן וואלט אונטער אנדערע אומשטענדען געווען א שמש. איך דענק, אז ער וואלט ניכער זיך געפאסט פאר א מגיד — א ווייבערשער מגיד, א פראפעסאר האט אמאל ערקלערט דעם סוד ווארום ווייבער האבען ניין מאס רייד. די אורזאכע איז נים נאר א פסיכאלאגישע, נאר הויפטזעכליך א פיזיאלאגישע, פרויען האבען ברייטערע העלזער: זיי איז פשוט לייכטער צו ריידען.

היימאן, דער ווייבערשער מגיד, מיט דער אפוועזענהייט פון דער מאס געזעלשאפטליכע פאראנטווארטליכקייט און געפיל וועלכעס עס פאדערט זיך צו זיין א פירענדע פערזאן איז אליין, נים זייענדיג קיין פאליטישער קאמוניסט, ווילנלאז געפאלען אונטער זייער איינפלוס, געווארען זייער שפרעך־ארגאן — א פארטויבענדע קאמוניסטישע קאלעקאטקע. עס זיינען איהם פרעמד די פאזיטיווע די שאפענדע מיטלען, מיט וועלכע מען בויט ארגאניזאציעס און מען דערהויבט מענשען צו ערהאבענע טהאטען. ווי א העגדיג, וועלכער ווערט פאר'כשופ'ט פון א ווייסען שנור וועלכען מען צייכענט איהם אן פאר די אויגען, אזוי איז היימאן און זיין גלייכען פארבלענדעט מיט נעגאטיווען, פארניכטענדען האס און צושטערענדע ליידענשאפטען צו רואינירען און פארדארבען. היימאן איז געפאלען א קרבן פון שטארקערע ווילענס, געווארען א שפילצייג ביי די געשולטע קאמוניסטישע פאליטישענס אום אויסצופילען די טרויעריגע היסטארישע מיסיע — צו זיין דער ברעך־אייזען אין דער קאמוניסטישער יוניאן־ברעכערישער מאשין.

שפאצירען מיר אזוי ווייטער מיט מיין פריינד געציל. — מיר קוקען זיך צו צו די קלאפעדיגע, בראזגעדיגע קאני־איילענדער אטראקשאנס, צירקען און באלאגאנען. מיר שטעלען זיך אפ נעבען א צוציהענדע מאכערייקע: „נח'ס קאסטען", א הייזעל אין דער פארמע פון א שיף וויגט זיך היין און הער. אן אנגעשאפטע פופע, שטעלט מיט זיך פאר נח'ן, ער שטעלט צו שטענדיג א שפאקטיוו צום אויג — זוכט לאנד אויפ'ן ים; א צווייטע קוקלע — עפעס א ווייבערישע פארזעהעניש, הייסט נח'ס ווייב. זי מאכט משונה'דיגע אונגעדולדיגע באוועגונגען; א האלז פון א גאנז שטעקט פון פענסטער און שאקעלט זיך, א העלפאנט מיט דעם לאנגען נאז, א פארהיסטארישע חיה מיט אן אפענעם מויל, א מאלפע אויף א קייט — אלעס באוועגט זיך און דרייט זיך. און וועלכער וועטער ס'זאל נים זיין אויפ'ן ים און לאנד, צי עס זיינען דא צושוויער צי נים, וועט איהר זעהן דיזעלבע גודנע פארשטעלונג: די הייזעל הוידעט זיך, נח קוקט אין שפאקטיוו, די גאנז מיט דער לאנגער האלז, דער העלפאנט מיט'ן נאז, די מאלפע אויפ'ן קייט — אלע קוקלעס און ליאלקעס קארטשען זיך און דרעהען זיך אויף רעדלאך און ספרינזשינקעלאך, וועלכע ווערען געבראכט אין באוועגונג דורך א מאטאר, וועלכער איז פארשטעקט ערגעץ אין דער הייזעל. איך האב דערזעהן א מאדנע עהנליכקייט פון דיזען צירק מיט די קאמוניסטישע געסטיידזשטע מאנעווערס, וועלכע ווערען געשפייזט פון פיקסע אידעען, פון אויפגעבלאזענע אישוס, געבלאפטע באריכטערייען, אונטערגעקויפטע געדונגענע קדשים און אלעס ציט די גייסטיגע חיונה פון איין קוואל — פון דער קאזארמעריש־סאלדאטסקען באגריף אונטערצוזאכען די טרייד יוניאן באוועגונג אונטער דעם קנאפעל פון פאליטיש־פארטייאישער דיקטאטור. דעם סעמפעל האבען זיי שוין געצייגט מיט זייערע עקספערימענטען אויף דעם לייב און לעבען פון דעם קלאוקמאכער.

די קאמוניסטישע חולאת איז די מאניע פון מאכט, וועלכע זיי זוכען אויף שוין באארבייטע פעלדער. זיי זייען נים, אקערען נים און פלאנצען נים. ווי א הייזשעריג פאלען זיי ארונטער און פרעסען תבואה ביז'ן ווארצעל. אונזער יוניאן זיינען זיי באפאלען און זיך איינגעפרעסען ווי א פאראזיטישע פלאנצונג. האט איהר אמאל געזעהן ווי אזא פלאנצונג עסט זיך איין אין דעם שטאם פון א בוים. דיזע פלאנצונג לאזט נים קיין ווארצלען אין דער ערד. זי האט אזעלכע שטעכעדיגע לאפעלעך — אקערס, מיט וועלכע זי שטעכט דעם בוים שלאנגעלט איהם ארום און זויגט זיינע פארטיגע זאפטען, ווען דער פארמער און גערטנער איז נאכלעסיג און פאסט נים אויף אויף זיינע גיטער ווערען זיינע פעלדער באוואקסען מיט ווילדע גראזען און די בוימער מיט פאראזיטען.

דער קלאוקמאכער האט אבער ערוואכט, ער וועט אפהאקען די גיפטיגע שטעכיגע לאפעקלאך פון דעם פאראזים. די גיפטיגע פלאנצונג וועט פאלען אונטער דעם בוים. ווען די זון וועט א שיין טאן וועט זי פארטריקענט ווערען אין א ביסעל מיסט.

דער שטאם פון דעם יוניאן בוים וועט ווערען פריי, דער בוים וועט היילען זיינע וואונדען און וועט נאך ברענגען זאפטיגע פרוכט צו די, וועלכע אקערען, זייען און פלאנצען.

מ. סלאווין, מעמב. לאק. 35.

פילאדעלפיער נייעס

דער געפלאנטער ארגאניזאציאנס דרייוו פון דער דרעסמאכער יוניאן און די סקעב ארבייט פון די קאמוניסטישע אגענטען

פון מ. פאלין.

אויף דער שוועל פון א גרויסער און וויכטיגער ארבייט וואס אונזער אינטער־נעשאנאל איז גרייט אנצופאנגען אין פי־לאדעלפיע וועט זיין אין צייט צו באַ־טראכטען דעם איצטיגען צושטאנד פון אונזער יוניאן און די אומשטענדען וואס האבען געבראכט צו דער איצטיגער לאגע.

צוערשט מוז מען זיך רעכענען מיט דעם פאקט וואס דער גאנצער טרייד האט זיך געענדערט און עס האבען זיך אויך געביטען די ארבייטער אין טרייד.

די הויפט ארבייט באשטעהט איצט פון דרעסעס און נישט פון וועיסטס. אמאל, מיט יאהרען צוריק, איז געוועזען די וועיסט די וויכטיגסטע טייל פון דער ארבייט. דאס איז געוועזען דאן, ווען דער ליידיס סוט האט פארנומען דעם פלאץ פון דער איצטיגער דרעס און אויבערשטען קאוט. אמאל איז אויך דער צוזאמענשטעל פון די ארבייטער אין טרייד געוועזען גאנץ אנדערש ווי איצט. דאמאלסט איז דער וועיסט טרייד געוועזען פארנומען מיט 90 פראצענט אידישע ארבייטער, מעהרסטענס ארבייטערינס. איצט איז אין טרייד אריינ־געקומען 25 ביז 30 פראצענט אמעריקאנער פרויען און מאקע עלטערע, פאר־הייראטע, ביי וועמען די ארבייט איז בלויז א א זייטיגע הילף צו די פארדינס־טען פון דעם מאן. און אפילו די יונגע אמעריקאנער מיידעל באנוגענט זיך מיט פיל קלענערע פארדינסטען ווי די אי־דישע מיידעל אדער מאן. עס איז אויך אין טרייד פאראנען ארום 25 פראצענט שווארצע ארבייטער, וועלכע ארבייטען פאר אירגענד וועלכען פרייז. עס פעה־לען אויך נישט קיין ארבייטערינס פון אנדערע נאציאנאליטעטען, ווי: איטא־ליענער און אנדערע. דאס זיינען אלץ עלעמענטען וואס זיינען שווער צו אר־גאניזירען.

צוליב די אויבען דערמאנטע ענ־דערונגען אין טרייד און אין צוזאמענ־שטעל פון די ארבייטער איז די אמא־ליגע מעכטיגע וועיסט מייקערס יוניאן פיל אפגעשוואכט געווארען. צו דעם מוז אויך נישט פארגעסען ווערען די צושטערונגס ארבייט פון די קאמוניס־טען, וועלכע האבען אריינגעבראכט האס און מיסטרויען אין די רייהען פון די ארבייטער נעגען דער יוניאן. עס איז אן אלטער פאקט, אז צושטערען איז לייכ־טער ווי בויען.

עס האט זיך אויך טיילווייז געביטען דער טיפ מאנופעקטשורערס, און די פאר אלטע מאנופעקטשורערס וואס זיינען פארבליבען האבען זיך אויך געוואלט באַ־נוצען מיט דער געענדערטער לאגע אום אויסצומיידען יוניאן קאנטראל. עס פאר־שטעהט זיך, אז די ענדערונג איז פארגע־קומען נישט נאר אין פילאדעלפיע, נאר אין די מעהרסטע שטעדט וואו עס ווערט געמאכט דרעסעס.

נישט קוקענדיג אויף די אלע שווע־רע אומשטענדען, האט זיך דאך דער יוניאן איינגעגעבען ביז איצט אנצו־האלטען יוניאן קאנטראל אין א באַ־דייטענדער צאהל שעפער. מיט דעם וואס די לעצטע סיזאנס זיינען געוועזען זעהר שלעכטע, איז די קאנקורענץ פון די נישט ארגאניזירטע שעפער געווארען נאך שטארקער און עס איז געקומען צו א לאַ־גע, וואס ווייטער קען דאס אזוי נישט געהן. די קאנקורענץ וואס ווערט גע־טריבען איינגאנצען אויף די פלייצעס פון די ארבייטער האט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע. די ארבייטער אין די נישט יוניאן שעפער, וועלכע האבען ביז איצט נאך געהאט עטוואס א מעגליכ־קייט צו עקזיסטירען, האבען שוין אויך דערפיהלט אז מיט זייער אויסשטעהן פון דער יוניאן האבען זיי געהאלפען שאַ־פען דעם איצטיגען צושטאנד, ביי וועלכע מאנכע מאנופעקטשורערס ער־לויבען זיך שוין איינצופיהרען דעם סועט־שאפ סיסטעם פון צוריק מיט 20 יאהר. זיי צאהלען אזעלכע קלענ־ליכע פרייזען, אז זיי צווינגען די ארבייטער צו ארבייטען אונגעהערטע לאנגע שטונדען אום זיי זאלען קענען ווי נישט איז שפייזען זיך און זייערע פאמיליעס.

קאנטראקטינג און סאב מאנופעק־טשורינג האט זיך פארשפרייט, און איי־נער רייסט ביים צווייטען דעם ביסען פון מויל. אזוי איז פון א טרייד, ביי וועלכען ארבייטער וואלטען געדארפט מאכען אן אנשטענדיגען לעבען, געווא־רען א כאאס. עס איז שוין געקומען צו א צושטאנד, ביי וועלכען איין מאַ־נופעקטשורער עסט אויף דעם צוויי־טען און צוזאמען שניידען זיי די פרייזען פאר דער ארבייט. אזא צושטאנד קען קיינמאל נישט עקזיסטירען ווען אין טרייד איז דא א גוטער יוניאן קאנטראל, וואו אלע ארבייטער באקומען א געהע־ריגען פרייז פאר זייער ארבייט און נאר־מאלע מענשליכע ארבייטס באדינגונגען.

וואלטען די יוניאן פיינדליכע מאנו־פעקטשורערס געווען פעהיג א טראכט צו טאן וועגען דעם צושטאנד פון טרייד און ווי ער האלט אין איין זינקען, וואל־טען זיי געמוזט קומען צום שלום, אז מיט יוניאן קאנטראל וואלט אויך זייער לאגע געוועזען א זיכערע.

אין דער צייט וואס די ביליגסטע דרעס איז אמאל פארקויפט געווארען פון דעם מאנופעקטשורער פאר $10.75, ווערט שוין איצט די דרעס פארקויפט פאר $6.75, און דאס איז אויך בלויז אפיציעל, ווייל פאקטיש האט יעדער מאנופעקטשורער א ביליגערען פרייז און די דרעס וואס טראגט דעם דעם פרייז $6.75 ווערט פארקויפט אזוי נידעריג ווי $5.50 און אויך פאר $5.00. א טייל מאנופעקטשורערס מאכען שוין א פאר־זיך פאר נאך א פיל ביליגערער דרעס.

די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50 האט די לאגע גענוי באטראכט און באשלאסען זיך צו ווענדען צו דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אינטער־נעשאנאל, וואס איז געהאלטען געווארען אין באסטאן, אין מאי, און פארלאנגט אז א דזשענעראל דרייוו צו ארגאני־זירען דעם דרעס און וועיסט טרייד זאל אונטערגענומען ווערען און ווען נויטיג זאל אויך גערופען ווערען א גענעראל סטרייק פאר דעם צוועק, אין דער פאַ־סענדער צייט. דער פארלאנג איז פון דער קאנווענשאן באוויליגט געווארען, און ווען נישט דער שוואכער סיזאן וואלט שוין איצט דער קאמפיין פאר א הונדערט פראצענט יוניאן קאנטראל געוועזען אין פולען גאנג.

איצט ווערען געמאכט די נויטיגע פארבארייטונגען אנצופאנגען דעם ארגאַ־ניזיישאן דרייוו. די אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאן ווארטען שוין מיט גרויס אומגעדולד אויף דער מעגליכקייט זיך אריינצוווארפען אין דער גרויסער אר־בייט פון ווידער שאפען די גרויסע וועיסט און דרעסמאכער יוניאן, וועלכע זאל קאנען זיין די נויטיגע מאכט אפצו־שטעלען דעם ווילדען קאנקורענץ־געיעג פון די באלעבאטים אויף דעם רעכענונג פון די ארבייטער.

דאס הייפעלע קאמוניסטען און זיי־ערע מיטהעלפערס, דערהערענדיג ווע־גען דעם געפלאנטען דרייוו, האבען זיך ווידער גענומען צו דער נידעריגער אר־בייט פון ברעכען די יוניאן, וואס עס מיינט, אז זיי שפילען דירעקט אין די הענט פון די מאנופעקטשורערס, אז מאנכע גרויסע מאנופעקטשורערס שאַ־צען ריכטיג אפ די יוניאן ברעכערישע ארבייט, איז צו זעהן פון דעם, וואס זיי שיקען זייערע הויפט שקלאפען טריי־בער צו די מיטינגען וואס ווערען גע־רופען פון די קאמוניסטישע אגענטען.

די קאמוניסטען האבען אבער גע־מאכט א טעות אין רעכענונג. זיי האַ־בען געמיינט, אז אזוי ווי די צייט איז שלעכט און דער טרייד ווייניג ארגאני־זירט וועלען זיי קענען אויסנוצען די ליידען פון די ארבייטער פאר זייערע פארטיי צוועקען. האבען זיי אנגעפאנ־גען רופען מיטינגען פון דרעסמאכער אונטער באהאלטענע נעמען. זיינען גע־קומען די געטרייע יוניאן לייט און ארונטערגעריסען זייערע מאסקעס, זיי־ער לעצטער פארזוך איז געווען פארי־גען מיטוואך אווענט, ווען זיי האבען אפען גערופען די ארבייטער פון קלאוק־און דרעס־טרייד צו גרינדען אן אפאַ־זישאן יוניאן. זיינען צום מיטינג גע־קומען די מעהרהייט געטרייע יוניאן־לייט, די וועלכע האבען די יוניאן גע־בויט און ווייסען ווי צו שעצען זייער ארגאניזאציע. און אזוי שנעל ווי די קאַ־מוניסטישע אגענטען האבען זיך צו־לאזט מיט זייערע שטענדיגע פארלוימ־דונגען נעגען דער יוניאן, האבען זיי דעם מיטינג פארוואנדעלט אין א באַ־גייסטערטער פארטיידיגונג פאר דער יוניאן און נעגען די מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען געווארט אויף די גוטע נייעס, אז די יוניאן וועט צובראכען ווע־רען און נישט קענען אנפיהרען דעם גע־פלאנטען ארגאניזאציאנס דרייוו.

דער לעצטער מיטינג האט באוויי־זען, אז דאס הייפעלע קאמוניסטען וואס באטרעפט אפילו נישט קיין 5 פראצענט פון דער מיטגלידערשאפט, וועלען נישט קענען ארויפצווינגען זייער הערשאפט אויף דער יוניאן.

עס איז אמת, אז איצט האט שוין געדארפט זיין דער ברען פון סיזאן, און אין טרייד איז נאך דא ווייניג ארבייט. עס ווערט אבער ערוואַרטעט, אז עס וועט ווערען מעהר ארבייט, און די אר־גאניזאציאנס ארבייט וועט זיך אנפאנ־גען. קיין פארזוך פון די באלעבאטים און די קאמוניסטישע ארויסהעלפערס וועט נישט קאנען שטערען אין דער גרויסער וויכטיגער ארבייט פון ארגאַ־ניזירען די ארבייט אין וועיסט און דרעס טרייד.

ווידער וועלען יוניאן באדינגונגען איינגעפיהרט ווערען, און דער סוועט־שאפ וועט אפגעווישט ווערען אין פי־לאדעלפיע.

אין דעם איצטיגען ארגאניזאציאנס־דרייוו וועלען די וועיסט־ און דרעס־מאכער נישט זיין אליין. זייער שוועס־טער ארגאניזאציע, די קלאוקמאכער יו־ניאן, וועט זיך אריינווארפען אין קאמף און מיט פאראייניגטע קרעפטען און מיט דער שטיצע פון דער גאנצער אינטער־נעשאנאל וועט די ארבייט געפיהרט ווע־רען צום נויטיגען ערפאלג.

„כאפט א גנב!"

שוין אן אלטער מיטעל, אבער ביי די יוניאן ברעכער, וועלכע פאראדירען אלס קאמוניסטען איז דאס נייע; דער גנב לויפט און שרייט: „כאפט א גנב!"

ווען זיי האבען נאר אנגעפאנגען זייער פארניכטונגס ארבייט אין די יוניאנס, האבען זיי דאס געטאן אונטער דעם גע־שריי פון א „פאראייניגטען פראנט". זיי האבען געריסען און געבראכען שטיקער פון דער אידישער יוניאן באוועגונג דא אין לאנד און געשריען „שלום!" ווי עס זעהט אויס, האבען זיי איבערגענער־מען די מלחמה־מעטאדען פון די אימפע־ריאליסטישע הערשער אין צייט פון דער וועלט מלחמה. יענע האבען געפיהרט א קריג פאר זייערע רויבערישע אפעטיטען פון פארכאפען און באהערשען, און אויף זייערע פאנען האבען זיי אויפגעשריבען: „א קריג פאר באפרייאונג"(?!); „א קריג צו פארזיכערען אייביגען פריי־דען"(?!); „א קריג צו פארזיכערען די עקזיסטענץ פון קליינע פעלקער"(?!). דוכט זיך גאנץ שעהנע לאזונגען, אבער וואס איז געוועזען הינטער די קאמאפלאַ־זשען האבען די ברייטע מאסען נישט גע־זעהן און עס האט געדארפט געדויערען פיר בלוטיגע יאהר פון א וועלט קריג ביז די מאסען זאלען זיך ארומזעהן אז די אלע שעהנע לאזונגען זיינען בלויז גע־ווען זיי אריינצונארען אין דעם גרויסען מענשען־מארד — די וועלט־מלחמה.

ווי געטרייע יורשים האבען די קאמו־ניסטען אין אלע לענדער און אין יעדער ארבייטער ארגאניזאציע אנגעפירט אט די טאקטיק פון פארכאפען אדער צוברע־כען. און איבעראל זיך באהאלטען הינ־טער פאלשע געשרייען פון „כאפט א גנב!" און באשולדיגען די נעגנער אין אל־דאס בייז אין אין יעדער געמיינהייט וואס זיי אליין זיינען באגאנגען.

מאראליש זיינען זיי נידעריגער פון די שרעקליכסטע וואלד־רויבער, ווייל אפילו ביי זיי איז פאראנען א מאראל, אז וואס זיי האבען צווישען זיך ווערט אויסגעקעמפט מיט אייגענע קרעפטען. איהר וועט קיינמאל נישט הערען אז זיי זאלען איינער אויסזאגען אויף דעם צוויי־טען; ווער רעדט נאך פון פאלשע באַ־שולדיגונגען. גאנץ אנדערש זיינען די קאמוניסטען, אדער, בעסער געזאגט, די עלעמענטען וועלכע פאראדירען אונטער דעם נאמען. זיי זיינען געוועזען די יע־ניגע, וועלכע האבען אנגעפאנגען זייער ארבייט מיט שווארצע־האנט מעטאדען, זייערע גייסטיגע פיהרער האבען אפען דערקלערט, אז צו דערגרייכען זייער צוועק פון פארכאפען אדער צוברעכען, זיי־נען אלע מיטלען כשר, און דאן זיינען זיי ארויסגעקומען מיט די ווילדסטע באַ־שולדיגונגען נעגען דער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג.

די גרויסע צאהל לאיאלע מיטגלידער, וועלכע זיינען געקומען צום לעצטען מיטינג, גערופען פון די יוניאן ברעכער האבען געהאט א גלעגענהייט זיך אן איבעריגען מאל צו איבערצייגען אין זייערע מעטאדען. דוכט זיך אלע האבען געזעהן, אז זיי האבען געהאט צוגעגרייט א גאנצע וואך פון פאליציי און שטארקע, אז זיי האבען געמאכט א פארזוך נישט אריינצולאזען די וועיסט און דרעסמאכער און אז נאך זייער גאנצען פויקען און טרומיטערען וועגען א מיטינג פון אלע ארבייטער האבען זיי קיינעם נישט גע־האט. און דאך האט זייער שמוץ־בלאט דערצעהלט איהרע לייכט גלויביגע לעזער, וועגען דעם, אז די אויפריכטיגע מיטגלי־דער פון דער יוניאן וועמען מען האט צום מיטינג נישט געוואלט אריינלאזען האבען גאר געבראכט פאלים און גענג־סטערס.

עס דערמאנט זיך אן א באוואוסטער כוליגאן פון א קישינאווער כוליגאנישער צייטונג, „דרוג", וועלכער האט אויף מארגען, נאך דעם טרויעריג בארימטען קישינאווער פאגראם, אין יאהר 1903, געשריבען, אז עס איז גאר א ליגען די גאנצע געשיכטע, עס איז גאר קיין פאגראם נישט געוועזען, און די פאר צובראכענע הייזער, צוראבירטע און צושלאגענע אי־דען, זיינען א רעזולטאט פון דער אידי־שער פארשווערונג צו שעדיגען דעם גו־טען נאמען פון די קריסטען.

מיר גלויבען, אז עס איז שוין די העכסטע צייט, אז די אידישע ארבייטער זאלען געבען די נויטיגע אפשאצונג דער יוניאן ברעכערישער ארבייט. און מיט פאראייניגטע קרעפטען צוריקשלאגען יע־דע אטאקע אויף אונזער יוניאן.

וואס שטארקער און מעכטיגער עס וועט זיין דער ווידערשטאנד, אלץ שנע־לער וועלען די רויב־פויגלען זיך אפטרא־גען, אויפהערען דינען די מאנופעקטשו־רערס מיט זייער יוניאן־ברעכערישער טאקטיק. אויף דעם שוועל פון וויכטי־גער ארגאניזאציאנס ארבייט דארף די יוניאן זיין פריי פון די שטערער!

אפים פון אידישען קונסט־טע־אטער אין א נייע היים

די פריינד פון בעסערען אידישען טעאטער אין ניו יארק וועט עס געוויס פרעהען צו וויסען, אז דער אפים פון קונסט טעאטער געפינט זיך שוין אין דער נייער היים „פאקס סיטי טעאטער", 114 איסט 14טע סטריט (נעבען יוניאן סקווער), דער טעלעפאן איז סטייוועסענט 0528 און 5760.

אין אפים ווערען אנגענומען סוב־סקריפשאנס פאר'ן קומענדען יאהר און ארגאניזאציעס קענען זיך שוין אנגרייטען מיט זייערע בענעפיטס און טיקעטס.

מאריס שווארץ מאכט אויך באקאנט, אז ער גרינדעט א אידישע דראמאטישע און מוזיקאלישע שול, און אז ער האט געקויפט ביי שלום אש „קידוש השם" און ביי ה. לייוויק „דער גולם". ביידע פיעסען וועלען אויפגעפיהרט ווערען קומענדען סעזאן.

מיליאנען מענשען

פארמיידען קראנקהייט פון זייערע הייזער דורך דעם צייטיגען געברויך פון

עקס־לאקס

דער בארימטער מאגען רעגולירער

אויב איהר זייט ניט איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס־לאקס, וואס עקס־לאקס באַ־דייט. איהר דארפט זיי לאנג ניט זוכען, איהר קענט זיי געפינען אויף יעדער שריט און טריט. אויפ'ן גאס, אין שאפ, אין סקול, אין טעאטער, אדער וואו איהר וועט זיך נאר קעהרען און ווענדען קענט איהר געפי־נען עקס־לאקס געברויכער. וואס וועלען אייך דערצעהלען וואס פאר א וואונדערבארער מיטעל עקס־לאקס איז פאר'ן מאגען.

אלע פראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס־לאקס אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

בריוו פון אייראָפּע

(רייזע־נאָטיצען)

פון ה. לאנג

א דרעס־שאפּ אין בעלגיען.

כ'האָב ארומגעבלאנדזשעט אין דער אלטער בעלגישער שטאָדט גהענט. בין געבליבען שטעהן אין מיטען שטאָדט, א קורצע אבער א ברייטע גאס, א מין סקווער. פון צוויי זייטען: שמאָלע הייזער, דריי־עטאזשיגע, מיט שמאָלע פענסטער, אין פלעמישען סטיל; ביי די אנדערע צוויי זייטען: אלטע קירכען. איינע, גאָר אן אלטע פון זעכצעהנטען יאהר־הונדערט. אויך א גרויסע. דאָרטען זיינען דאָ אונצעהליגע קעמערלאך מיט אלטע גרויסע אויל־בילדער אויף די ווענט. ווענגען דער קירכע איז פיל געשריבען גע־וואָרען אין דער אמעריקאנער פרעסע בעת דער מלחמה. ס'האָט געהייסען, אז ווען די דייטשע ארמיי איז אריין אין גהענט, האָט זי די קירכע כמעט ווי חרוב גע־מאכט. איז דאָס אבער, קענטיג, געווען א היבש ביסעל איבערטריבען; די דייטשע ארמיי איז אודאי בעגאנגען גענוג פארברעכענס אין בעלגיען, אבער גראָד אַט־די קירכע איז פון איהר ווייניג־וואָס געשעדיגט געוואָרען. איך האָב די קירכע ארומגעקוקט פון אלע זייטען, און זיך אנגעשלאָגען אן א הויז דערביי וואָס האָט פארכאַפּט מיין בליק.

כ'האָב דאָרטען דערזעהן א דרעס־שאפּ.

א בעלגישען דרעס־שאפּ געפונען.

דער שאפּ איז אין א קעלער, מיט קוים פאסיקלאך פענסטער צו דער גאס ארויס.

עס איז מיר אויסגעקומען ווי די הויז וואָלט געשטאַנען אין א גרוב; און צווישען „סיידוואָק“ פון גאס און די פאָדערשטע וואנט פון הויז וואָלט געווען א שפּאַלט. ס'איז מיר געווען טשיקאווע אנצוקוקען אזא הויז פון דער נאָהענט, בין איך צום שפּאַלט צוגעגאנגען, און אהין אריינקוקענדיג, האָב איך דערזעהן א העלפט פון א געעפענטען פענסטער — הינטערן פענסטער א שאפּ...

מען האָט גענעהט דרעסעס.

פיר מאשינען זיינען געשטאַנען איינע נעבען דער אנדערער; אלזא, אכט מא־שינען צוזאמען. מ'האָט אויף זיי גע־ארבייט; איך האָב לעבען זיי געזעהן איינגעגראָבענע פרויען־קעפּ.

וואָס טוט מען, איך זאָל אין שאפּ קענען אריינקומען און גענוי בעטראַכטען ווי אזוי א דרעס ווערט דאָרטען אויס־געמאכט?

איך האָב ווענגען דעם א ווייל גע־קלעהרט.

אריינגעהן מיט א „בלאָף“, דארף איך דאָך קענען די שפּראך. מען רעדט אין גהענט פראנצויזיש; און וויפיל מאָל כ'האָב פּרובירט רעדען פראנצויזיש, איז אלע מאָל ארויסגעקומען פּונקט פארקערט ווי דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען. אריינגעהן, ווידער, אלס אן אויסלענדי־שער זשורנאליסט — איז, ווער ווייס, צי מען וועט וועלען מיט מיר רעדען?

איך בין ענדליך דאָך אריין, און צום טויזענדסטען מאָל זיך איבערצייגט, אז פאר אן אמעריקאנער זיינען אָפען אלע טירען פון אייראָפּע. צי מען מיינט, אָט־אָט, און דער אמעריקאנער וועט עפענען א זעקעל מיט גאָלד; צי מ'האָט גלאָט רעספּעקט פאר דער ווייטער גרויסער אמעריקע — אן אמעריקאנער נעהמט מען צו אין אייראָפּע מיט אָפענע אָרעמס. מען שמייכעלט אונטער דערביי, אבער מ'איז גרייט איהם צו דינען...

שוין אין מיין געהן צום קעלער, האָב איך זיך אין דעם איבערצייגט. ס'איז מיר געווען שווער צוצוקומען צום קעלער. כ'האָב פריהער גענומען געהן דורכ'ן האָל פון דערזעלבער הויז וואו איך האָב דעם קעלער דערזעהן. ניט געווען דאָרט קיין צוטריט. א לאנגער פינסטערער האָל; פון איין זייט א טרעפּ ארויפצוגעהן צו די העכערע עטאזשען; פון דער צווייטער זייט א וואנט מיט צוויי טירען, אבער די טירען פיהרען נאָר צו רומס, ניט צום קעלער. איך האָב געמיינט אז עס איז נאָך דאָ א טיר ערגעץ אונטער די טרעפּ; אבער ניט געווען. טאָ ווי אזוי געהט מען פאָרט אראָפּ אין קעלער? איך בין ווידער ארויס אויף דער גאס ארומקוקען די גאנצע הויז. אפשר איז ערגעץ־וואו אן דער זייט פאראן אן אראָפּגאנג. כ'האָב עס ניט באַמערקט. איך האָב אָפּגע־שטעלט א פארבייגעהער, אנגעוויזען אויף זיך אלס אן אמעריקאנער און אנגעוויזען אויפ'ן קעלער. ער האָט מיר פארשטאַנען, און ס'איז געקומען מיין גאולה. ער האָט עפּעס אריינגעשריען אין קעלער. ארויין דורך דער העלפט פונ'ם געעפענטען פענסטער וואָס האָט ארויסגעקוקט פונ'ם שפּאַלט צווישען „סיידוואָק“ און די וואנט פון הויז; אימיצער האָט איהם געענטפערט: די פרויען־קעפּ וואָס זיינען געווען איינגעגראָבען אין די מאשינען האָבען זיך אויפגעהויבען מיט נייגערינ־קייט; מאנכע האָבען אויפגעהערט אר־בייטען און זיינען צוגעקומען צום פענ־סטער, וואָס א העלפט פון איהם איז אונטער דער ערד צום פינסטערען וואנט פון „סיידוואָק“; ס'איז זיי אויסגעקומען ארויפצוקוקען צום פארבייגעהער וועמען איך האָב אָפּגעשטעלט און צו מיר; אויגען פון אונטער דער ערד האָבען גע־קוקט אויף אונז; דער אונבעקאנטער האָט מיר ענדליך גענומען פיהרען —

מען דארף גאָר געהן צום קעלער דורך אן אנדער גאס...

די הויז וואו דער קעלער געפינט זיך איז אין מיטען „בלאָק“, אבער „דהי בעק“ פון הויז קומט ארויס אויף א הויף אין וועלכען מען קען גאָר אריינקומען דורך א גאס הינטער דער הויז. קיין „בעק־דאָר“ צום הויף איז אין דער הויז ניטאָ; אין הויף איז אבער דאָ א טיר צום קעלער. אין הויף זיינען דאָ אנדערע הייזער וועל־כע זיינען מיט די הייזער צום פראָנט פון גאס ניט פארבונדען; אבער דער קעלער פון דער הויז וואו איך האָב געוואָלט אריינקומען, דער קעלער אין וועלכען איך האָב געזעהן א שאפּ, איז פארבונדען מיט א קעלער פון א הויז אויפ'ן הויף. אזא געבוי פון הייזער האָב איך נאָך אין ער־געץ ניט געהאַט געזעהן. איך האָב גע־רעדט מיט מיין אומבעקאנטען פיהרער אויף שטום־לשון און געהאַט א געפיהל ווי אימיצער וואָלט מיר געפיהרט אין א העיל פון גזלנים...

אין דער אמת'ען האָט זיך מיר שוין געוואָלט אויפגעבען דעם גאנצען „דזשאָב“ — וועל איך ניט זעהן דעם בעלגישען דרעס־שאפּ, און פּטור... אבער איבער־דער גאנצער געדרעהעניש פונ'ם קעלער, בין איך נאָך מעהר פאראינטערעסירט גע־וואָרען; א מין אוואנטורע האָט מיך גע־צויגען.

ענדליך בין איך אריין אין שאפּ — אין קעלער — ארום מיר, דורכאויס פרעמדע מענשען — טונקעלע פּנים'ער מיט צופּענטע נייגעריגע אויגען.

מיין אונבעקאנטער באגלייטער איז שוין פון מיר געווען אוועק. ער האָט אודאי געמיינט אז ער האָט מיר געטאָן א גרויסע טובה. מסתמא האָב איך דאָך געדאַרפט דעם שאפּ פאר „ביזנעס“. איך האָב איהם, יעדענפאלס, געדאַנקט, און טאַקע מיט אן אנשטעל, אז ער האָט מיר געטאָן א גוואַלדיגע טובה.

אין שאפּ האָב איך זיך שוין ווי עס איז צונויפגערעדט. מ'האָט מיר פער־שטאַנען אז איך בין ניט געקומען צוליב ביזנעס; איך בין עפּעס אן „אמעריקא־נער משוגע'נער“, וויל נאָר אנקוקען ווי אזוי מען נעהט דרעסעס אין בעלגיען, כדי דאָס צו באַשרייבען אין אן אמעריקאנער „זשורנאַל“...

כ'האָב געפרעגט פאר דעם „פּעיט־ראָן“. אזוי, האָב איך געוואוסט, רופט מען אויף פראנצויזיש אן ארבייטס־נע־בער, א „באָס“; ס'הייסט, ער „פּאטראָ־ניזירט“ די ארבייטער; ער טוט זיי א „טובה“ וואָס ער גיט זיי ארבייט... דער „פּעיטראָן“ האָט אויך מיר „פּאט־ראָניזירט“; איז געווען צו מיר זעהר פריינדליך; מיר אויף אלעם אנגעוויזען. ער איז א הויכער, יונגער בעלגיער מיט שווארצע אויגען און שווארצע האָר. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין א הארט־געפּרעסט שוירט און א הויכען הארטען קאָלער מיט א טאַי, וואָס אין אמעריקע טוט מען דאָס אָן ווען מען דרעסט זיך צו א באַנקעט. זיין וועסט איז אויך געווען א מין באַנקעט־וועסט — טיף פארשני־טען. כ'האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט, אז אין די דרעס־שעפּער, סיי אין פראנקרייך, סיי אין בעלגיען, געהען די בעלי־בתים בסדר אנגעטאָן ווי זיי וואָלטען זיך גע־קליבען צו א טאַנץ. זיי אליין טוען אין שאפּ גאָרנישט. די ארבייט וואָס זיי דאַרפען טאָן, טוען פאר זיי זייערע פרויען. דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס א מיידעל, א נעהטאָרין אין פראנקרייך, אזוי אויך אין בעלגיען, ווען זי האָט נאָר אביסעל אנגעקליבענע געלט, אָרדענט זי זיך איין א דרעס־שאפּ, און דאָס איז איהר גרויסער נדן. זי קריגט דאַן א שעהנעם בחור פאר א חתן. זי גיט דאָך איהם א פארטיגען געשעפט, און ער קען שוין פון נאָך דער חתונה־אָן ווערען א לעדיג־געהער. זי ארבייט, איז פארנומען מיט איהר שאפּ, און דער מאַן פּוצט זיך. ביי מאנכע אזעלכע מענער איז אבער דאָס פּוצען־זיך אויך א טייל פונ'ם געשעפט. סטאָרס שיקען ארום „באַיערקעס“ איבער די שעפּער. אן אויסגעפּוצטער מאַן אין שאפּ קריגט „באַיערקעס“, און זיינע גאַר־מענטס ווערען פארקויפט. דער „פּעיט־ראָן“ פונ'ם שאפּ אין גהענט האָט פאר מיר אויך פארגעשטעלט זיין פרוי, און זי האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזען צו זיין די אמת'ע בעלעבאָסטע איבער'ן שאפּ. אין דער ווילע וואָס זי האָט מיט מיר גע־רעדט, האָט זי קוים אויפגעהויבען איהר קאָפּ. זי האָט געארבייט אויף א „סאַף“ פון אן ארבעל, און געארבייט לויט אן אנגעצייכענטען מוסטער אויף א פּאַפּיר. זי האָט דעם „סאַף“ גענגלעט און געצויגען, און מיט א נאָדעל אין האנט גענעהט א „סים“. דער „סים“ ארום „סאַף“ איז גענאַנגען „זיג־זאַג“, און עס איז ארויס־געקומען ווי עס וואָלט געווען „עמבראָי־דערט“. דאָס איז געווען א „סעמפּעל“, און די בעלעבאָסטע האָט נאָך ניט גע־וואוסט ווי דאָס וועט ארויסקומען. זי איז דערפאר געווען אביסעל נערוועז און געזאָגט איהר מאַן א פּאָר ווערטער פון וועלכע ער האָט זיך דערפיהלט אונ־באַקוועם. איך האָב געמיינט אז עס איז צוליב מיר. איך, א פרעמדער, בין גע־קומען „באַדערען“. איך האָב זיך אנגע־הויבען ענטשולדיגען. די בעלעבאָסטע האָט מיר מיט אלערליי שמייכלען געגע־בען צו פארשטעהן, אז פארקעהרט, זי איז נאָר און גאָר צופרידען וואָס איך, אן אמעריקאנער, בין ביי זיי אין שאפּ א גאַסט.

לעבען דער בעלעבאָסטע איז געזעסען נאָך א „סעמפּעל“־מאכערין. זי האָט „גע־סטיטשט“ א „בעלט“ ארום א ווייסט.

די בעלעבאָסטע און די „סעמפּעל“־מאכערין לעבען איהר זיינען אויך די „קאַטערס“ אין שאפּ.

קיין עקסטרא פרעסערס זיינען ניטאָ. די פרויען וועלכע איך האָב געזעהן ביי די מאשינען זיינען אויך די פרעסערס.

אן ארבייטערין מאכט אויף א גאַנצען „גאַרמענט“. זי מאכט די „באָדי“, די ארבעט, דעם קאָלער, אלע „טרימינגס“ אלע „פינישינג“־ארבייט — א פארטיגע דרעס.

די פרעס־אייזענס זיינען אויפ'ן אלט־מאָדישען שטייגער — אנגעברענטע קוילען אינ'ם פרעס־אייזען.

די מאשינען זיינען טרעט־מאשינען, גאָר אלטע „זינגער־מאשינען“; מען אר־בייט מיט די פיס.

איהר קענט שוין פארשטעהן אז „גרויס־פּראָדוקציאָן“ פון אזא שאפּ קען מען ניט ערוואַרטען. א געוועהנליכע דרעס אויפצומאכען, געדויערט ביי אן ארבייטערין צוויי טעג צייט. איך האָב זיך נאָכדעם ערקונדיגט אז אזוי איז די סיסטעם פון א דרעס־אויפמאכען איבער גאַנץ בעלגיען: און די מעהרסטע דרעס־שעפּער זיינען אין קעלערן.

כ'האָב בעטראַכט דעם קעלער. א גרויסער צימער; און אפשר טאַקע א העיל אזא. ערטערווייז גאָר פינסטער, און ווען איך האָב געקוקט אין די פינסטע־רע ווינקלען איז מיר געוואָרען אונהיימ־ליך.

ווען מען דארף דאָרטען וואָס נעהמען — אין די פינסטערע ווינקלען ליגען שמו־

(שלוס אויף זייט 11)

א לייבאָר־דעי באַגריסונג פון פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן

ברידער און שוועסטער, מענער און פרויען פון דער ארבייטער באוועגונג!

די ארגאניזירטע ארבייטער פון די פאראייניגטע שטאַטען האָבען עס אין זייער מאכט צו מאכען דיזען יאהר א שעהנעם קאמפּס יאהר, א יאהר פון פּראָגרעס, אויב זיי זאָלען נאָר זייער ווילען און זייער קראַפט ווי געהעריג אויסנוצען.

די ארבייטער באוועגונג אין אמערי־קא האָט פאר די לעצטע עטליכע יאהר־צייט ניט געמאכט קיין פאָרטשריט. די מלחמה יאהרען זיינען אודאי און אודאי געווען א צוריקוועגס, א שלאַמיגע זומפּי־גע צייט אין די רייהען פון די טרייד־יוניאָניסטען, די מאשיניסטען, די גאַרמענט ארבייטער, די מיינערס, די טעקסטייל ארבייטער, די מיינערס האָבען געהאַט פילע דורכפאלען אין זייער יוניאָן לעבען.

עקאָנאָמישע קאָנדישאָנס האָבען א סך געהאַט צו טאָן דערמיט און צו דעם האָט זעהר פיל ביינעשטייערט די קאָנ־צענטרירטע צושטערענדע דרייווס פון די קאָמוניסטען און די אנטי יוניאָן דרייווס פון די ארבייטס געבער. אָט די אלע אורזאכען האָבען צושטערט פילע באַ־שטענדיגע געווינסען פון די ארבייטער וואָס האָבען אויסגעזעהן צו זיין פאר אימער זיכער און אונבאַרירבאַר.

עס וואָלט אבער געווען פאלש צו באַ־הויפּטען אז אין דיזע צוריק וועגען און דורכפאלען זיינען בלויז שולדיג די עקאָ־נאָמישע אנבליקען און די דרויסענדיגע אטאקעס פון די יוניאָן שונאים. מיר האָבען פארלאָרען א סך באָדען, ווייל מיר האָבען פארלאָרען א סך פון אונזער קאמפּס גייסט, א הינער־פלעט האָט באַ־פאלען אונזערע רייהען און אָט די הינער־פלעט קראַנקהייט, האָט פאראורזאכט א מאַנגעל אין גלויבען און פאראורזאכט א מאַנגעל אין גלויבען און פאראורזאכט גלייכגילטיגקייט צו אונזער אלוועלטליכע זאך.

עס איז לעכערליך צו בליימען צו יעדער צייט די פיהרערס פאר מאַנגעל און פּראָגרעס און אין וואוקס ווען איהר אנאַליזירט זאכען ווי עס דארף צו זיין, ווערט איהר אויסגעפינען אז אין מעהרסטע פעלע זיינען אפילו די מעהרסטע פון די אמעריקאנער קאָנסערוואַטיווע פיהרער א סך ווייטער געגאַנגען ווי די גלייכגילטיגע און גייסטלאָזע מאַסע מיטגלידער.

די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטער האָבען אבער אין די לעצטע יאָהרען זעהר פיל געליטען א דאנק זייער גלייכ־גילטיגקייט און אַפּאַטיע, אָפּגעלאָזענקייט און דאָס גלויב איך, האָט זיי געלערענט א ביטערען לעסאָן, אז גלייכגילטיגקייט און אָפּגעלאָזענקייט פיהרט אין ערגעץ ניט. עס האָט געלערענט א לעסאָן, אז אום אונזער באוועגונג זאָל פאָרטשריט מאכען מוזען מיר אלע אָפּמאכען אונזער מיינונג, די רענק און פייל, אזוי גוט ווי די פיהרער פון דער באוועגונג, אז מיר האָבען צו קעמפען געגען א מעכטיגען פינאנציעלען שונא וואָס איז כיטרע און מעכטיג אין מיר מוזען ענערגיש קעמפען פאר יעדער אינטש ערד, פאר יעדען געווינס וואָס מיר ווילען ערהאַלטען און אנהאַלטען.

דער ארבייטער קאמף פאר מעהרער זונען־שיין און פרייהייט, פאר אן אנגע־זעהענעם פלאַץ אין די פאראייניגטע שטאַטען. דארף מען וויסען, אז דאָס איז ניט קיין קינדער שפּיל און אויך דארף מען וויסען אז קיינער ווי נאָר מיר אליין וועלען מוזען דעם קאמף אנפיהרען.

היינט צו טאָג דינט אונז דער „לייבאָר דעי“ פאר א גינסטיגע צייט ארויסצוברענגען דעם אמת צו די ארבייטער, דעם אמת פון די אומשטענדען און וואו מיר האַלטען אין דער וועלט. און דעם אמת'ען געדאנק דארף יעדער טרייד יוניאָניסט גוט צוקייען ביי זיך אין מוח, גוט איבערדענקען וועגען דער לאגע אין וועלכע מיר געפינען זיך און אָפּמאכען דעם מיינונג אָפּצוואַרפען די אַפּאַטיע, די גלייכגילטיגקייט און ווערען אגרעסיוו אויף דעם פעלד פון טעטיגקייט אויף יע־דען געביט. צו קעמפען אָפּפערוויליג, ניט אכטענדיג וואָס פאר א שווערע קרבנות אונזער קאמף דארף אונז קאָסטען. און דאַן וועלען מיר אויסגעפינען אז קיינע אינדזשאנקשאָנס, קיינע פארפאָלגונגען און בלעקליסטען קאָנען ניט און וועלען ניט אָפּהאַלטען אונזער מארש פון פּראָג־רעס.

קלונגען די רעדעס אויף דעם דרעססמאכער מאס־מיטינג לעצטען מיטוואָך, ווען די רעזאָלוציע פאר א דזשענעראל־סטרייק איז אנגענומען געוואָרען, און דער ערשטער שריט איז געמאכט. געוואָרען פאר ערנסטער פארברייטונג צו שאפען גייסטיגע און מאטעריעלע אמוניציע פאר דער קריטישער צייט וואָס די דרעס־מאכער יוניאָן וועט באַלד דאַרפען דורכמאכען, ווען דער אגרימענט מיט די יו־ניאָן־בעלעבאַטים און מיט די אסאָסיאיישאָנס וועט דאַרפען באַנייט ווערען און ווען די גאנצע אינדוסטריע וועט אויפגעטרייסעלט ווערען צוליב דער מעג־ליכקייט פון א העפטיגען קאמף געגען די אלגעמיינע ניט־יוניאָן עלעמענטען.

דער ערשטער רוף צום קאמף פאר א גרויסער, מעכטיגער יוניאָן און פאר מענשליכע ארבייטס־באַדינגונגען אין די דרעס־שעפּער קומט אין א גינסטיגען מאָמענט. מען ארבייט אין דער אינדוסטריע, און עס פיהלט זיך א בעסערע שטימונג און אן אויפמונטערונג צווישען די געטרייע, איבערגעבענע יוניאָן־ארבייטער. די ארגאַניזאַציאָנס־ארבייט וועט זיך איצט אנפאנגען מיט נייעם מוט, מיט א שטאַרקערען ווילען, און אויף א פארגרעסערטען מאסשטאַב. און ווען דער טאָג וועט קומען ווען די דרעססמאכער־ארגאניזאציע וועט זיך דאַר־פען באַגעגענען מיט די באַלעבאַטים צו פארהאנדלען וועגען א נייעם אגרי־מענט, וועט איטליכער עלעמענט אין דער אינדוסטריע וויסען, אז וואָס דער טאָג זאָל ניט זיין, סיי פרידען אדער קריג, זיינען די דרעססמאכער „רעדי“.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Journal

Published every other Friday by the Int'l Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication: 76 MONTGOMERY ST., Jersey City, N. J.

General Office: 3 W. 16th ST., NEW YORK, N. Y. Tel. Chelsea 2148

MORRIS SIGMAN, President — A. BAROFF, Secretary-Treasurer

MAX D. DANISH, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. X, No. 29 — Jersey City, N. J., Friday, September 7, 1928

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Postoffice at Jersey City, N. J. under the Act of August 24, 1912

Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

עדיטאָריעלס

„יעדער געטרייער יוניאָן מיטגליד מוז ווערען גוטשטעהענד!“

א גוטער יוניאָן מאַן איז אַ גוט־שטעהענדער יוניאָן מאַן. וועגען דעם קענען קיין מיינונגס־פאַרשיידענהייטען ניט זיין. דאָס איז אַן אַלטער, אַלטער כלל, אַזוי אַלט ווי די גאַנצע טרייד יוניאָן באַוועגונג, אַזוי איינפאַך און בולט, אַז דאַכט זיך אַ קינד קען עס פאַרשטעהן.

א לעבעדיגער אָרגאַניזם, אַ באַוועגליכע קערפּערשאַפט קען אָהן נאַהרונגס מיטלען ניט עקזיסטירען. ניט אַכטענדיג ווי שעהן איהר נשמה, ווי ערהאַבען איהר ציל זאָל ניט זיין, מוז אַ טרייד יוניאָן דאָך, קודם כל, פונקציאָנירען אַלס אַ טאָג־טעגליכע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער מאַטעריעלער סביבה פון אונזער האַמטענער, פאַריאַכטער וועלט. אַ יוניאָן, אום צו זיין פון אמת'ער נוץ פאַר איהרע מעמבערס, מוז האָבען אָפּיסעס, מוז האָבען באַאַמטע, מוז האָבען ביזנעס איידזשענטס, וואָס זאָלען שטעהן אין שטענדיגער פאַרבינדונג מיט די שעפּער; מוז האָבען אַ קאַמפּס־פאָנד כדי זיך צו קענען פאַרטיידיגען געגען באַלעבאַטים אָדער אָנצופיהרען, ווען נויטיג, אַ באַוועגונג פאַר בעסערע אַרביימס־ און לעבענס־באַדינגונגען פאַר איהרע מיטגלידער; אַ יוניאָן, אַ גרויסע יוניאָן איבערהויפּט, מוז האָבען אַן אייגענע פּרעסע אין וועלכער די פּאָליסים און די טאַקטיק פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלען קלאָר דיסקוטירט און געפאַסט ווערען מיט דער הילף פון די מיטגלידער גופא. אַ יוניאָן, אין קורצען, מוז שטעהן אויף איהרע אייגענע פיס, סיי אין אַ גייסטיגען און סיי אין אַ מאַטעריעלען זין, כדי זי זאָל געאַכטעט און געשעצט ווערען פון איהרע מיטגלידער און פון די געזעלשאַפטליכע עלעמענטען מיט וועמען זי קומט אין באַריהרונג, און צו דער זעלבער צייט אויפהאַלטען איהר פּרעסטיזש און געוויכט אין דער אינדוסטריע און צווישען די באַלעבאַטישע קרייזען.

* * *

אַט אַזוי האָבען קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיין אַ יוניאָן־מאַן פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד, און דערפאַר האָבען זיי טאַקע פאַר פופצעהן יאָהר געהאַט אַ יוניאָן וואָס האָט ברייט און פעסט געזאָגט איהר הערשענדען וואָרט אין אונזער אינדוסטריע, אַ יוניאָן פאַר וועלכע די באַלעבאַטים האָבען געציטערט און וועלכע די גאַנצע וועלט האָט רעספּעקטירט. ס'זיינען געווען גוטע צייטען און שלעכטע צייטען, ס'זיינען געווען באַאַמטע וועלכע מען האָט געליבט און באַאַמטע געגען וועלכע מ'האָט געקיקט; ס'זיינען געווען פּאָליסים מיט וועלכע מען איז געווען איינפאַרשטאַנען און פּאָליסים מיט וועלכע מען איז געווען אומצופרידען. די קלאָוקמאַכער האָבען אָבער צו אַלע צייטען געוואוסט, אַז צום אַלעם ערשטען, מוז זיי זייער יוניאָן האַלטען ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַז די יוניאָן מוז מען אויפהאַלטען אומבאַריהרט; אַ ניט געראָטענעם באַאַמטען קען מען באַזייטיגען, פריהער אָדער שפּעטער, אַ ניט־פּאַסענדע פּאָליסי קען מען אומבייטען, אָבער אַז מען לאָזט די יוניאָן פאַלען, אַז מען פאַרצעהרט און מען דערשטיקט אַליין די אָרגאַניזאַציע קען מען זי צוריק אַזוי שנעל אויף די פיס ניט אוועקשטעלען. און אונזערע קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער האָבען עס אימער אין זינען געהאַט און האָבען אימער געסטאַרעט זיך מיט אַלע כחות צו זיין גוטשטעהענדע יוניאָן לייט, ניט פּאַפּירענע מיטגלידער, נאָר מענשען, וואָס פאַרשטעהען זייער וויכטיגען חוב צו דער אָרגאַניזאַציע צו וועלכער זיי באַלאַנגען.

און די משחיתים, וואָס האָבען זיך מיט דריי יאָהר צוריק פאַרנומען, מיט דער הילף פון מאָסקווע, צו פאַרכאַפּען אונזער יוניאָן, און שפּעטער, ווען דאָס איז זיי ניט געלונגען, צו צוברעכען און פאַרטיליגען זי, האָבען עס טאַקע גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. איהר געדענקט דאָך וואַהרשיינליך ווי דיזע קאָלעקשאָן־פּושקע אַרטיסטען האָבען זייער ערשטע דעמאָראַליזאַציאָנס־אַרבייט אָנגעפאַנגען מיט אַ שונד־געשריי, אַז די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער זאָלען אויפהערען צאָהלען דיוס. דיזע שאַרלאַטאַנעס האָט, נאַטירליך, וועניג־וואָס געקימערט, וואָס די יוניאָן, וואָס זיי האָבען זיך דאַן געקליבען צו פאַרכאַפּען, וועט פון אַזאַ עקלהאַפטען קאַמפּיין ערשיטערט און אָפּגעשוואַכט ווערען. אַלעס וואָס זיי האָט זיך געגלוסט איז בלויז אַרויפצולעגען זייערע לאַפּעס אויף אונזער אָרגאַניזאַציע און נאָכדעם אָנפאַנגען די „סאָציאַלע רעוואָלוציע“ אין אַמעריקע מיט די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער. און ווען שפּעטער, אין אַן אומגליקליכער שטונדע האָט די אינטערנעשאַנאַל מיט דיזער קליקע געשלאָסען „שלום“ און זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין ניו יאָרקער דזשאָינט באָאַרד, געדענקט איהר דאָך שוין וואויל, וואָס פאַר אַ חורבן זיי האָבען אין אונזער יוניאָן און אין אונזער אינדוסטריע אָנגעמאַכט מיט זייער פינסטערען סטרייק, מיט די מיליאָנען געלט, וואָס זיי האָבען צוראַבירט, און מיט דעם שווערען, אומגעהויער שווערען יאָך פון חובות, וואָס דיזע באַנדע האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט ווען די אַרבייטער האָבען זיי ענדליך פאַרטריבען פון אונזער יוניאָן און פון אונזערע רייהען.

* * *

דער דור הפלגה איז איצט פאַרביי, קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער. די קראַנקהייט־פּעריאָדע איז באַשטימט פאַרלאָפען, און אונזער יוניאָן שטעהט צוריק אויף אַ געזונטען גייסטיגען באָדען. יעס, עס זיינען נאָך פאַרבליבען עטליכע גאָרילאַ־באַנדעס, וואָס דרייען זיך אַרום ווי הונגעריגע וועלף אין מאַרקעט און שפּייען מיט גאַל און סקרימשען מיט די צייהן אויף אונזער יוניאָן און איהרע מיטגלידער. יעס, עס זיינען דאָ מאַנכע קלאָוק־ און דרעס־שעפּער, וואו דיזע „רעוואָלוציאָנערע“ פּאָגראָמשטשיקעס טרייען אָניאָגען אַ שרעק אויף אונזערע אַרבייטער און טעראָריזירען זיי מיט דער הילף פון די באַלעבאַטים. דאָס זיינען אָבער אַלץ בלויז טרויעריגע נאָכוועהענישען פון דער אַמאָליגער מכה, אומפאַרמיידליכע נאָכוועהענישען, וואָס וועלען אָבער מוזען פאַרשווינדען, פונקט ווי די עפּידעמיע זעלבסט איז פאַרשוואונדען.

וויכטיג איז, אַז אונזער יוניאָן, די טויזענטער און טויזענטער קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער וועלכע זיינען דער עצם, דער פונדאַמענט פון אונזער אָרגאַניזאַציע, האָבען צוריקגעוואונען זייער אַמאָליגען גלייכגעוויכט, האָבען זיך [illegible] פון קראַנקען משאַד און האָבען פון זייערע אויגען אָפּגע־[illegible] קאָמוניסטישען שפּינועב. וויכטיג איז, אַז די אַטמאָספערע אין

איצט קלאָר און ריין געוואָרען, אַז די ליניע איז איצט שאַרף און דייטליך אָנגעצייכענט — אויף איין זייט אונזער אינטערנעשאַנאַל מיט איהר געטרייער, אויספּרובירטער מיטגלידערשאַפט, און אויף דער אַנדערער זייט די סקעב־איידזשענסי מיט'ן איבערגע'שמד'טען נאָמען; אויס „שלום“ הינטער־פּיסלאַך, אויס „טאָלעראַנטסקע“ פּאַינצטסטוואָ. אויס די אַלע „אומפּאַרטייאישע“ פּרעטענזיעס פון אַלע אונזערע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים, וועמען עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געגלוסט צו דערטרינקען אונזער יוניאָן אין אַ לעפעל וואַסער!

* * *

זאָל יעדער קלאָוקמאַכער, יעדער דרעסמאַכער איצט, ווען דער סיזאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ביידע אינדוסטריען, האָבען עס שטאַרק, זעהר שטאַרק אין זינען, אַז יעדער איינציגער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ יוניאָן מאַן אָדער יוניאָן פרוי, מוז עס מאַכען פאַר זיין הייליגער אויפגאַבע אין פאַרלויף פון דיזע עטליכע וואָכען **גוט מאַכען אַלע זייערע שולדען צו דער אָרגאַניזאַציע און ווערען גוטשטעהענד אין פולסטען זינען פון וואָרט.**

ביז איצט זיינען געווען פאַרשיידענע סבות, פאַרשיידענע אויסריידען, וואָרום באמת געטרייע מיטגלידער זיינען געבליבען פאַר לאַנגע מאָנאַטען הינטערשטעליג אין דיוס צו דער יוניאָן. קיינער ווייס עס ניט אַזוי גוט ווי די פיהרערשאַפט פון דער יוניאָן גופא. די פינסטערע סומאַטאָכע אויף אונזער גאַס, די פאַר ניט געראָטענע סיזאָנס נאָך דעם שלימזל'דיגען קאָמוניסטישען סטרייק, דער אַלגעמיינער ניט־אַהין און ניט־אַהער געפיהל וואָס האָט געפּענטעט דעם גייסט פון פילע אַרבייטער — דאָס באַלאַנגט איצט אַלעס צו דער פאַרגאַנגענהייט. היינט איז געקומען דער מאָמענט, ווען אַ יוניאָן־מאַן קען בלויז מיט רייד אַליין מעהר ניט אָפּקומען; איצט דאַרף ער צייגען מיט טאַט, אַז ער איז אַ יוניאָן־מעמבער, אַז ער וויל באמת, מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז זיין יוניאָן זאָל זיך אוועקשטעלען אויף אַ פעסטען, נאָרמאַלען פונדאַמענט.

לאָמיר עס ווידערהאָלען: פאַר פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד האָבען די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער געהאַט אַ יוניאָן אין זייער אינדוסטריע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַן אייזערנע פעסטונג און האָט באַשיצט זייערע אינטערעסען און איז געווען דער ליבלינג און דער שטאָלץ פון דער גאַנצער אַרבייטער־באַוועגונג. אייער יוניאָן, וואָס איז אין פאַרלויף פון די לעצטע פאַר יאָהר דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גהינום, איז פון דיזער שרעקליכער פּראָבע אַרויס מיט אַ גאַנצען גייסט, מיט אַ געזונטען לעבענס־פּראָגראַם און שטעהט באַרייט צו דערפילען איהר גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע צוליב וועלכער זי איז מיט אַזוי פיל בלוט, ליידען און מיה געגרינדעט געוואָרען.

זאָל דיזער אויפרוף שטורמען פון שאַפּ צו שאַפּ, פון מיטינג צו מיטינג, פון יעדען איינצעלנעם אַרבייטער צום צווייטען — „יעדער געטרייער יוניאָן־מאַן און פרוי מוז ווערען גוטשטעהענד!“ אַ גוטער יוניאָן־מאַן איז אַ גוטשטעהענדער יוניאָן־מאַן. זאָל די וועלט זיך איבערצייגען, זאָלען די באַלעבאַטים זיך ערקונדיגען, אַז די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער ווילען און זיינען אַנטשלאָסען צו האָבען אַ שטאַרקע, ממשות'דיגע יוניאָן, און דאַן וועלען מיר גאָר אין גיכען פּטור ווערען פון די אַלע צרות און אינדוסטריעלע איבלען, וואָס מאַטערען אונז אין די שעפּער און פאַרפינסטערען אונזער לעבען אין אַלגעמיין.

דער ערשטער רוף צו די דרעסמאַכער

דער גרויסער מיטינג פון לעצטען מיטוואָך אין ברייענט האַל, וואו עס איז גענוי אַרומגערעדט געוואָרען די לאַגע אין דער דרעס־אינדוסטריע און וואו עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע פאַר אַ דזשענעראַל סטרייק, אויב די יוניאָן וועט עס געפינען פאַר נויטיג, איז אַ וויכטיגע פּאַסירונג פאַר אַלע אַרבייטער אין דרעס טרייד.

ס'זיינען אין גאַנצען פאַרבליבען בלויז עטליכע מאָנאַטען ביז וואַנען דער דרעס־אַגרימענט וועט אויסגעהן אין דעצעמבער. אין די פאַר מאָנאַטען דאַרף אויפגעטאָן ווערען אַ וועלט מיט פאַרבאַרייטונגס־אַרבייט. מען דאַרף די אָרגאַניזאַציע אַוועקשטעלען אויף אַ פעסטערען באָדען אין די יוניאָן־שעפּער, און מען דאַרף אַריינציהען אין דער יוניאָן וואָס מעהר אַרבייטער פון דער אומגעהייער גרויסער צאָהל ניט־יוניאָן שעפּער וואָס די דרעס־אינדוסטריע פאַרמאָגט. מען דאַרף צוגרייטען מאַטעריעלע מיטלען פאַר אַ קאַמף, אויב די באַלעבאַטים זאָלען טאַקע באַשליסען אַרויפצוצווינגען אַ קאַמף אויף דער יוניאָן. און מען דאַרף די באַלעבאַטים איבערהויפּט געבען גאַנץ קלאָר צו פאַרשטעהן, אַז די אָרגאַניזירטע דרעסמאַכער וועלען אונטער קיינע אומשטענדען ניט דערלאָזען אַז זייערע שעפּער זאָלען פאַרסקעבט ווערען, וויפיל הילף די סקעב־איידזשענסי זאָל זיי ניט צוזאָגען און וויפיל שמוציגע קאָאָפּעראַציע די מאָסקווער אַגענטען זאָלען זיי ניט לייסטען אין קאַמף געגען די דרעס־אַרבייטער.

* * *

די לאַגע אין דרעס־טרייד איז אַ ביטערע, אַ שרעקליך אָנגעוועהטאָגטע. אין די מייסטע שעפּער, וואו די אַרבייטער האָבען ביז מיט אַ פאַר יאָהר צוריק געמאַכט אַן אָנשטענדיגען לעבען, מאַכט מען היינט קיין לעבען ניט. דער דרעס־טרייד, אין וועלכען די קאָמוניסטישע קליקע האָט זיך צום ערשטען אַריינגעכאַפּט, איז אונגעהויער פאַרבליגט און פאַרסקעבט געוואָרען. וואו די קאָמיסאַרלאַך האָבען נאָר אַ פוס אַריינגעשטעלט אין אַ שאַפּ, ווייס מען ניט פון קיין יוניאָן־שטונדען, פון קיין עקספּרא געצאָהלט פאַר אָווערטיים, פון קיין קאָנטראָל פון יוניאָן־באַדינגונגען אין אַלגעמיין — עס איז אַ הפקר־וועלט, אַ גן־עדן פאַר'ן באַלעבאַס און אַן אָפּקומעניש פאַר די אַרבייטער, שוין אָפּגערעדט פון די הונדערטע און הונדערטע גרעסערע און קלענערע ניט־יוניאָן שעפּער, וואָס זיינען ווי ווילדע שוועמלאַך נאָך אַ רעגען אויסגעוואַקסען אין דער אינדוסטריע אויף דעם סמך פון דער דעמאָראַליזאַציע און כאַאָס, וואָס די קאָמוניסטען האָבען מיט זייער הפקר־אַגיטאַציע פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען מאַרקעט.

עס דערגעהט אַזוי ווייט, אַז די סקעב־אַגענטען געהען פשוט אַרום פון שאַפּ צו שאַפּ און פעדלען מיט זייער איידזשענסי, בעטענדיג זיך ביי די באַלעבאַטים אַז מען זאָל זיי „אָנערקענען“ — 42 שטונדען אַ וואָך אַרבייט, קיינע יוניאָן־סקיילס, אפילו אָהן אַן אַגרימענט איז אויך גוט, אַבי מען זאָל זיי געבען אַ „שאָו“ אַז זיי זאָלען קענען צווישען די אַרבייטער אויסבלעקמיילען אַ פּאָר סענט פאַר זייערע פּאַרטיי־קאָלעקשאָנס, אַבי זיי זאָלען זיך קענען באַריהמען, אַז זיי האָבען אַ ביסעל „לינקע“ שעפּער וואו מען לאָזט אַריין זייערע קאָמיסאַרלאַך.

* * *

מיר ווילען ניט אונטערשעצען די שווערקייט פון דער לאַגע אין דער דרעס־אינדוסטריע, און טאַקע דערפאַר שטעלען מיר דאָ דיזע לאַגע אַרויס נאַקעט, מיט אַלע איהרע האַרבע פאַקטען, מיט אַלע איהרע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און פאַרוויקלונגען. זיכער קען מען אַ לאַגע ניט פאַרבעסערען מיט דעם וואָס מען זאָל פאַרזוכען צו דערשטיקען אומאַנגענעמע פאַקטען אָדער פאַרבויגען האַרבע פּראָבלעמען. אַזאַ גרויסע אויפגאַבע, ווי אָרגאַניזירען די דרעס־אינדוסטריע פון ניו יאָרק — די גרעסטע אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָבלעמע וואָס שטעהט היינט־צו־טאָג אויף דעם טאָג־אָרדנונג פון אונזער יוניאָן — דאַרף אויפגענומען ווערען מיט קוראַזש, מיט טיפען גלויבען און קאָלאָסאַלען ערנסט, מיט דעם באַוואוסטזיין אַז דער וועג צום ענדציל איז אויסגעבעט ניט מיט רויזען, אַז דער וועג איז אויסגעשפּרייט מיט שטעכיגע דערנער, מיט ווילדע געוויקסען, וואָס וועלען דאַרפען אויסגעשניטען און אויסגעמידען ווערען ביז וואַנען ערפאָלג וועט ענדליך געוואונען ווערען.

אַט אין אַזאַ מאָן, מיט אַזאַ האָפנונג און מיט אַזאַ גלויבען האָבען גע־

בילדער פון אן ארבייטער וועלט־פּאַרלאַמענט

פון פ. דעמביצער.

מיט עטליכע טעג צוריק איז זיך אין דער שעהנער בעלגישער הויפּטשטאָדט, בריסעל, צוזאַמענגעקומען דער וועלט־פּאַרלאַמענט פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם. דער נאָמען בריסעל איז דורך פאַרשיידענע רויטע פעדים פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם. נאָך אין דער העלדען־צייט פון ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס, איז בריסעל געווען די שטאָדט, וואו עס פלעגען פאָרקומען די ערשטע באַראַטונגען בעת זיין גרינדונג.

פינף און צוואַנציג יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1891, איז אין בריסעל ווידער פאָרגעקומען א אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס. עס איז געווען דער צווייטער קאָנגרעס פון צווייטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז מיט צוויי יאָהר פריהער געגרינדעט געוואָרען אין פּאַריז, אין'ם טאָג פון'ם 14טען יולי, — דער הונדערטסטער יאָהר־טאָג ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערען האָבען אין שטורם גענומען די באַסטיליע.

ווען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין 1891 באַשלאָסען צו גרינדען א שטענדיגען אינטערנאַציאָנאַלען אָפיס, האָט ער ווידער בריסעל אויסגעזוכט אלס די פּאַסענדע שטאָדט דערצו און דער אָפיס פון אינטערנאַציאָנאַל האָט אין דעם דעמאָקראַטישען בעלגיען גענאָסען די פולע גאַסטפריינדשאַפט, ביז די מלחמה האָט איהם אזוי טראַגיש אומגעבראַכט.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אזוי גוט ווי יעדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר זיך באַזונדער, איז דעמאָלט ליידער געווען צו שוואַך, אז זי זאָל מיט איהרע אייגענע כחות קאָנען פאַרהינדערען די שרעקליכע מלחמה. בלויז דעמאָגאָגען אָדער אין בעסטען פאַל נאַאיווע קינדער קאָנען אָננעמען, אז אזא גרויסע געשיכטליכע עראייגניס איז נאָר מעגליך געוואָרען דערפאַר, ווייל די ארבייטער באַוועגונג האָט געמאַכט דעם אָדער יענעם פעלער. ביז צו דער מלחמה איז דער ארבייטער קלאַס געווען איי־ניג און פאַר די טהאַטען פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל זיינען לענין און ראָזא לוקסעמבורג, קאַרל ליעבקנעכט און קלאַרא צעטקין געווען פונקט אזוי פאַראַנטוואָרטליך ווי האַזע און אַדלער און ווי פּלעכאַנאָוו און ראַנאַדעל. ווייל דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל ניט נאָר טעאָרעטיש נאָר אויך פּראַקטיש שיצען דעם שלום אויף דער וועלט, מוז ער אַבסאָלוט א סך שטאַרקער זיין ווי ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און זיך אויך דערצו א סך בעסער פאָרבאַרייטען.

מיט צופרידענהייט קאָנסטאַטירען מיר, אז דער בריסעלער קאָנגרעס האָט באַוויזען, דאָס ער פאַרשטעהט זיינע אויפגאַבען און אז ער זאַמעלט און קאָנצענטרירט זיינע כחות, זיינע פּראָלעטאַרישע באַטאַליאָנען געגען דעם שרעקליכען מענשען־מאָרד און אז ע"ר איז דער איינציגער, וועלכער וועט אין דער צוקונפט בכח זיין די מלחמה צו פאַרהינדערען. אז די דאָזיגע באַטאַליאָנען זיינען נישט בלויז פאַר פּאַראַדען, האָט מען זיך געקענט איבערציינגען פון דע ברוקער'ס רעדע אויפ'ן קאָנגרעס־באַנקעט, וואָס די בעלגישע ארבייטער פּאַרטיי האָט געגעבען לכבוד די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען.

„מיר האָבען אייך נעכטען מיט אונזער דעמאָנסטראַציע פאַר דער קאָנגרעס ערעפענונג געוואָלט ווייזען, — האָט ברוקער געזאָגט — ווער מיר זיינען. פאַראויס האָבען מיר געשיקט אונזער יוגענד, אונזער האָפנונג, די יונגע מיידלאַך אין זייערע שעהנע דרעסעס, אלס א סימבאָל פון א שעהנער און גערעכטערער סאָציאַלער אָרדנונג, פאַר וועלכער מיר קעמפען טאָג־טעגליך. די פיער טויזענט פענער, וואָס האָבען זיי באַגלייט און וואָס שטעלען מיט זיך פאָר דיזעלבע צאָהל סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, זיינען די פענער פון די בעלגישע טרייד־יוניאָנס, פון קאָאָפּעראַטיוען און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען אין אונזער קליינעם לאַנד זעקס הונדערט טויזענט מיטגלידער און 42 פּראָצענט דעלעגאַטען אין פּאַרלאַמענט. אָבער וואָס גרעסער מיר זיינען אין די לעצטע יאָהרען געוואַקסען, אַלץ גרעסער איז אויך געוואָרען געגען אונז דער אָנגריף פון דער בעלגישער רעאַקציע, און דעריבער האָט איהר נעכטען צווישען די דרייסיג טויזענט אָרגאַניזירטע יונגע סאָציאַליסטישע דעמאָנסטראַנטען אויך געקענט באַמערקען די טויזענטער ארבייטער מיליציאָנערען, וועלכע וואָרנען די בעלגישע בורזשואַזיע: קוקט פאַשיסטען, דאָס איז אונזער כח, און איצט וואַגט געגען ארויסצוטרעטען!"

דיזעלבע יוגענד אָרגאַניזאַציעס מיט דעם זעלבען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען פרידענס־גייסט געפינען מיר הייגט צו טאָג אין אַלע לענדער. די גרויסע אַרמיי פון סאָציאַליסטישע ספּאָרט און בילדונגס־אָרגאַניזאַציעס מיט זייער ווירקזאַמען יוגענד־אינטערנאַציאָנאַל, זיינען די צוקונפטיגע פרידענס־אַרמיי פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ארבייטער קלאַס, וואָס וועלען מיט זייער רעוואָלוציאָנערען ברען פאַרהינדערען יעדען קריגס־פּרואוו פון קאַפּיטאַליסטישען אימפּעריאַליזם. אין באָלשעוויסטישען מלחמה אַמאַנטיביזא דאָס אַליין איז אָבער נישט גענוג. די סאָציאַליסטען מוזען לערנען אין דער שולע פון לעבען, אז פּראָפּאַגאַנדירען און די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע פאַרווירקליכען אין לעבען, זיינען צוויי פאַרשיידענע זאַכען. ווייל מען אין קאַפּיטאַליסטישען שטאַט פאַרווירקליכען דאָס וואָס מען פּראָפּאַגאַנדירט, מוז מען זעהן צו האָבען אַן איינפלוס אויף דעם דאָזיגען שטאַט, און אין דעם דאָזיגען איינפלוס ליגט דער פּראָגרעס פון די סאָציאַליסטישע אידעען. דער קאָנגרעס האָט אויך אין דיזער באַציהונג באַוויזען זיין גלענצענדע האַרמאָניע פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישען דער סאָציאַליסטישער ארבייטערשאַפט און ווירטשאַפטליכער מיטאַרבייט פון איהרע פאַרטרעטער אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליסטישען שטאַט. די ערעפענער פון אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין בריסעל, דער ענגלישער טרייד־יוניאָניסט, הענדערסאָן און דער באַריהמטער סאָציאַליסטישער פּאָליטיקער עמיל וואַנדערוועלדע, האָבען דעם מאָל שוין נישט גערעדט ווי בלויזע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטען, וואָס פּראָפּאַגאַנדירען דעם סאָציאַליזם, נאָר ווי צוויי שטאַאַטסלייט, וואָס זיינען ערשט נעכטען געווען מיניסטאָרען און פּרובירט דעם סאָציאַליזם אין לעבען צו פאַרווירקליכען. אין פילע לענדער זיינען די סאָציאַליסטען שוין אזא גרויסער כח, אז מ'קאָן אָן זיי ניט רעגירען, אז מען קאָן זיך אָן זיי נישט באַגעהן. מיר ווייסען צו גוט, אז דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר אין אייראָפּאַ, איז נאָך ווייט קיין סאָציאַליזם נישט, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז געווען פאַר דער מלחמה, באַדייטעט דער הייניגער צושטאַנד פון ארבייטער קלאַס און פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם אלס א גרויסער פּראָגרעס: פאַר דער מלחמה האָבען די סאָציאַליסטען קוים גע'חלום'ט וועגען דער מאַכט, דער בריסעלער קאָנגרעס האָט באַוויזען אז איצט ראַנגלען זיך די סאָציאַליסטען פאַר דער מאַכט און אין דער צוקונפט וועלן זיי די דאָזיגע מאַכט זיכער באַזיצן. און די סאָציאַליסטען ערוואַרטען נישט אז די דאָזיגע מאַכט צו ערקעמפען וועט אזוי לייכט אָנקומען, זיי ווייסען אויסגעצייכענט, אז עס וועט אויסקומען נאָך גענוג בלוט צו פאַרגיסען אין קאַמף פאַר א גערעכטער וועלט־אָרדנונג; זיי נאַרען זיך נישט דערין, אז די בורזשואַזיע וועט אָנווענדען אַלע געוואַלט־מיטלען, כדי נישט ארויסצולאָזען די מאַכט פון איהר האַנט. דער טאָן און גייסט פון וואַנדערוועלדעס רעדע ביי דער ערעפענונג פון קאָנגרעס און אין זיין באַגריסונג צו דער קאָטוועגשאַן פון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע סטודענטען, איז די בעסטע גאַראַנטי, אז די פיהרערשאַפט פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז ריכטיג אָריענטירט וועגען דעם רעאַלען צושטאַנד אין ווירטשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען און אויך איבער די שטימונגען וואָס הערשען צווישען די ארבייטער. וואַנדערוועלדע זאָגט אין זיין באַגריסונג צו דער סאָציאַליסטישער יוגענד פאָלגענדע אינטערעסאַנטע ווערטער, וועלכע עס לוינט זיך באמת צו ציטירען:

„מען האָט מיר דערצעהלט, אז אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט האָט זיך דער באַריהמטער סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט סיינט סימאָן געלאָזט וועקען יעדען פריהמאָרגען מיט פאָלגענדע ווערטער:

„שטעה אויף, דו האָסט נאָך גרויסע טהאַטען צו באַווייזען". די דאָזיגע ווערטער וואָלט איך אייך יונגע גענאָסען געוואָלט צורופען: זייט באַרייט, נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל, איהר האָט נאָך גרויסע טאַטען צו באַווייזען. די צייט איז שוין פאַרביי ווען די אזוי גענאַנטע רעוויזיאָניסטען מיט בערנשטיינען, מיט סידני וועב און די פּאַביאַנער, האָבען געגלויבט, אז מען קאָן דעם סאָציאַליזם פאַרווירקליכען אויף א פרידליכען אופן, און געזעצליך איינציג און אַליין דורך מיילקווייזע רעפאָרמען, וועלכע די באַזיצענדע קלאַסען וועלען העלפען באַווילינגען. די מלחמה האָט דאָס אַלעס פאַרענדערט".

מיט זיינע באַשלוסען וועגען דער קאָלאָניאַל פראַגע, וועגען וועלט־שלום און וועגען ווירטשאַפטליכען קאַמף, האָט דער קאָנגרעס געהאַנדעלט אין רעוואָלוציאָנערען גייסט פון פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף און וועט פאַר די ריכטליניען פון פּאָליטישען קלאַסענקאַמף פון די סאָציאַליסטען אין אַלע לענדער האָבען א גוטע ווירקונג און ווירקזאַמען איינפלוס.

דער קאָנגרעס האָט אויך געווידמעט א ספּעציעלע זיצונג צו די פּאַרטייען פון די פעלקער, וועלכע ליידען פון דער פאַשיסטישער און באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. אונטער דעם פאָרזיץ פון אַבראַמאָוויץ און ראַזאַנאָף פון רוסלאַנד און פון דעם אַלטען איטאַליענישען סאָציאַליסטען פיהרער טוראַטי, האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטען קאָנגרעס פאַרדאַמט די רויטע און שוואַרצע פאַשיסטען. דאַן, פון רוסלאַנד, האָט אין זיין רעדע אויסגעפירט, אז די סאָציאַליסטען טאָרען קיינמאָל נישט אין קאַמף געגען דער דיקטאַטור פאַרגעסען די סאָציאַליסטישע ענדציילען און אין קאַמף געגען די באָלשעוויקעס גלייכצייטיג באַקעמפען די ווייסע קאָנטער־רעוואָלוציע. טוראַטי, פון איטאַליען, האָט געשילדערט די פאַרפאָלגונגען פון מוסאָליני'ס איטאַליען און האָט געוואָרענט די ארבייטער אין אַנדערע לענדער צו לערנען פון די ערפאַרונגען פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטען און אז זיי זאָלען קיינמאָל נים אָפּווייכען פון דעמאָקראַטישע מעטאָדען. א פאָרטרעטער פון די כינעזישע סאָציאַליסטען האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף די איצטיגע אומשטענדען אין כינע, ארויסגעטראָטען זעהר שאַרף געגען דעם קאָמינטאַנג און געגען דעם מיסברויך, וואָס די באָלשעוויקעס מאַכען מיט דעם כינעזישען ארבייטער קלאַס.

נעבען דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס זיינען אויך פאָרגעקומען אַנדערע פאַרשידענע אינטערנאַציאָנאַלע באַראַטונגען. א באַראַטונג פון סאָציאַליסטישע לאַיערס, פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען פרויען פאַרבאַנד, אין א קאָנפערענץ וועגען אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ערציהונג.

צום סוף פון זיינע באַראַטונגען האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסען זיך צו ווענדען מיט א מאַניפעסט פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל צו אַלע ארבייטער אין דער וועלט.

דער מאַניפעסט שטעלט פעסט, אז דער שלום איז נישט זיכער און די באַוואָפנונגען וואַקסען. אין פיל לענדער ווערען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אונטערדריקט, און די דעמאָקראַטישע אָרדנונג ווערט באַדראָהט דורך די פאַרשידענע דיקטאַטורען, וועלכע זיינען א געפאַר פאַר דער באַפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט און פאַר'ן וועלט שלום.

ווייטער ווענדעט זיך דער מאַניפעסט געגען די טראַסטען, וועלכע באַהערשען די וועלט און עקספּלואַטירען אויף א פאַרברעכערישען אופן דעם נישט אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט און די קאָלירטע ראַסען.

דעם קעלאָג־פּאַקט האַלט דער מאַניפעסט פאַר נישט גענוגענד צוליב די פאַרשידענע פאַרבאַהאַלטען צו איהם און באַזונדערס, ווייל ער שליסט אויס דעם ראַטען־פאַרבאַנד. דער קעלאָג־פּאַקט — זאָגט דער מאַניפעסט — וועט בלייבען א טויטער אות כל זמן דער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט דעראָבערען די מאַכט און דעם פּאַקט פאַרווירקליכען.

א ספּעציעלער טייל פון מאַניפעסט איז געווידמעט דער לאַגע אין אַמעריקע און אַפּעלירענדיג פאַר איינינקייט צו דער אייראָפּעאישער ארבייטערשאַפט ווענדעט זיך ווייטער דער מאַניפעסט:

„צו די ארבייטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען, צו יענעם לאַנד, וואו די מעכטיגסטע פּלוטאָקראַטיע פון דער וועלט פאַרפאַלשט די דעמאָקראַטיע און אונטערדריקט די ארבייטער. צו אייך, ארבייטער פון אַמעריקע ווענדען מיר זיך: די קאַפּיטאַליסטען פון אייער לאַנד באַרימען זיך מיט פּראָספּעריטי. צי זעהט איהר אָבער אַליין נישט, אז די פּראָספּעריטי אין אַמעריקע, איז פאַר'ן ארבייטער־קלאַס שוין לאַנג פאַרשוואונדען? צי זעהט איהר דען נישט ווי די „האַרי" פון אייער האַרעפּאַשנער זוינט פון אייך אַרויס דעם לעצטען טראָפּען בלוט און פאַרנוצט אייך פריהצייטיג? צי זעהט איהר דען נישט, דאָס אייער לאַנד, איז דאָס איינציגע צווישען אַלע פאָרטגעשריטענע לענדער, וואָס זאָרגט נישט פאַר ארבייטסלאָזיגקייט, פאַר קראַנקהייט און פאַר דער עלטער פון די ארבייטער. דאָס איינציגע לאַנד אין וועלכען אן אינדזשאַנקשאַן פון א ליבערע דזשאַדזש קען באַשרענקען די אַקציעס פון דער אָרגאַניזירטער ארבייטערשאַפט?

אייערע קאַפּיטאַליסטען טומלען מיט שטאָלץ, אז דער לעבענס סטאַנדאַרד פון די אַמעריקאַנער ארבייטער, איז העכער, ווי דער לעבענס סטאַנדאַרד פון די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט. גלייכצייטיג פליסט אָבער מיליאַרדען אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַל קיין אייראָפּע און אַזיע, כדי דאָרט מיט ביליגערע ארבייטס כוחות צו פּראָדוצירען און דורך דיזע אויסבייטונג ברענגען זיי פאַר אייך ארבייטסלאָזיגקייט און באַרויבען דערמיט אייער עקזיסטענץ.

די קאַפּיטאַליסטען פון אייער לאַנד מאַכען דעם אָנשטעל, אז זיי ווילען פריידען אויף דער וועלט; גלייכצייטיג אָרגאַניזירען זיי אָבער מיליטערישע אינטערווענצען קיין ניקאַראַגואַ און אין אַנדערע אַמעריקאַנישע לענדער.

ארבייטער פון אַמעריקע, שליסט אייך דעריבער אָן די רייהען פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און שטעלט אייך אָן דער שפּיץ פון אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער קלאַס פונקט אזוי ווי אייער קאַפּיטאַליזם האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען אין גאַנצער וועלט".

דער דאָזיגער מאַניפעסט איז באַגרינדעט געוואָרען מיט א גייסטרייכע רעדע פון דעם עסטרייכישען ארבייטער פיהרער אָטאָ בויער, וועלכער האָט באַגייסטערט די זעקס הונדערט קאָנגרעס דעלעגאַטען פון אַלע וועלט טיילען און לענדער פאַר דעם ווייטערדיגען קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַליסטישען אימפּעריאַליזם און צושטערענדען שפּאַנעל נייעם מלחמה קאַמוניזם.

דאַנק ערקלערונג פון די ארבייטער פון רובינצאַהל און מאָזלין, 36 איסט בראָדוויי

ביי אונזער שאַפּ מיטינג, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיטוואָך, דעם 8טען אויגוסט, 1928, אין אָפיס פון דער יוניאָן 33 צווייטע עוועניו, איז איינשטימיג באַשלאָסען געוואָרען אויסצודריקען אונזער הערצליכען דאַנק צו דעם דיסטריקט מענעדזשער ברודער דעסטי, און צו אונזער ביזנעס אייגדזשענט קאַרל בערקאָוויץ, פאַר זייער טרייער און איבערגעבענער ארבייט פאַר דעם בענעפיט פון די ארבייטער פון אונזער שאַפּ.

פּאַסירט האָט דאָס פאָלגענדע:

אונזער שאַפּ טשערמאַן, א מיטגליד פון לאָק. 10 האָט געהאַט די „חוצפּה" צו פאַרלאַנגען פון דער פירמע צו צאָהלען פּיי די ארבייטער מיטוואָך ווען עס איז דער רעגולאַר פּיי־דעי. איינער פון די בעלי בתים וועלכער איז א גרויסער חצוף האָט זיך געפונען שטאַרק געטראָפען פון דעם שאַפּ טשערמאַנ'ס שטעלונג האָט ער איהם דערפאַר מיאוס בעליידיגט אַגרופענדיג איהם פאַרשידענע נעהמען און דערצו האָט ער איהם געסטאָפּט פון דער ארבייט.

א דאַנק דער שטאַרקער שטעלונג פון די אויבענדערמאָנטע באַאַמטע פון אונזער יוניאָן אויך א דאַנק דער איינינקייט פון דעם שאַפּ ארבייטער, איז דער פירמע געגעבען געוואָרען א לעסאָן אז אַלע אַנדערע בעלי בתים מעגען זיך אָראָפּנעמען א מוסר השכל.

די פירמע איז געוואָרען געצוואונגען זיך צו ענטשולדיגען פאַר דעם טשערמאַן און בעצאָהלען איהם פאַר דער פאַרלוירענער צייט.

אויב אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן וועלען זיך אָרונטערנעמען א ביישפּיל פון דער איינינקייט פון אונזער שאַפּ ארבייטער וועט נישט נעמען לאַנג און אונזערע אינטערנעשאַנאַל וועט צוריק בעקומען דעם פּרעסטיזש פון אַמאָל.

ארבייטער פון רובינצאַהל און מאָזלין
פּ. צוקער לאָק. 10, לעד. 9981 טשערמאַן
ב. ליוויי, לאָק. 2 לעד. 3360
פּ. סטראַוס, לאָק. 35 לעד. 1448
ס. פּעקער, לאָק. 9 לעד. 1194

שאַפּ קאָמיטע.

איראַן פּריפּעראַטאַרי סקול

185־7 א. בראָדוויי. טעל. אָרטשאַרד 4473
דזש. ע. איראַן, פּרינציפּאַל.

1. ענגליש 3. קאַלעדזש רידזשענטס
2. רידזשענטס 4. ביזנעס בילדונג

די בעסטע לערער און פערזענליכע לערונג פאַר 27 יאָהר. — מעסיגע לערע קאָסטען.

קלאַסען ביי טאָג און ביי נאַכט.
קאַטאַלאָג פריי צוגעשיקט.

פאַרלירט נים א זומער!
רעדזשיסטרירט זיך איצט פאַר די קלאַסען.

יוניאן פראבלעמען פון דער צייט

פון פ. קורינסקי.

באריכטען פון „אמעריקען" און אנדערע יוניאן דעפארטמענטס צייגען א צוגאנג פון דער יוניאן צו א נארמאלען לעבען. — סטאלין מעג אפילו קעפען מענשען אבער די אינטערנעשאנאל טאר אפילו ניט אנווענדען די לייכטסטע דיסציפלין אויף איהרע מיטגלידער. — צו וואס די קאמוניסטען האבען זיך דערדינט מיט זייער סקעב יוניע. — א פאסיגער ענטפער אויף ברודער גילבערט'ס א פראגע.

אין דער צייט וואס דאס קאמוניסטישע געזינדעל האלט זיך איין באריהמען, אז דא און דארט איז זיי געלונגען צו פארסקעבען א שאפ, אז דא און דארט האט זיך זיי איינגעגעבען דורך דער הילף פון אן אונפאראנטווארטליכען באלעבאס, צו מאכען אן אפמאך, אז אין דעם באטרעפענדען שאפ זאל איינגעפיהרט ווערען סקעבישע באדינגונגען — מיט דעם צו להכעיס־מיין, אז די בעל־מלאכות זאלען נישט באלאנגען צו דער יוניאן, צו דער אינטערנעשאנאל — אין דער צייט נעהט זיך אן די דזשאינט באארד פון דער אינטערנעשאנאל מיט איהר רוטינער ארבייט ווי א יוניאן דארף אנגעהן און דער רעזולטאט דערפון איז, אז אפילו אין דער צייט ווען די קאמוניסטישע באנדע טוט אלעס וואס איז נאר אין איהר מאכט צו צוברעכען די יוניאן, אפילו אין דער צייט ווען אין פילע שעפער, סיי ביי קלאוקס און סיי ביי דרעסעס, איז ניטא קיין ארבייט, פונקט ווי אין סלעק־צייט, אבוואהל דער סיזאן האט שוין לאנג באדארפט זיין אין פולען גאנג, דאך קען זיך יעדער דעפארטמענט פון דער דזשאינט באארד באריהמען מיט ממשות'דיגע אויפטואונגען.

אום דער לעזער זאל ניט רעכענען, אז מיר רעדען אבסטראקט, וועלען מיר ברענגען ציפערען און פאקטען פאר א באווייז.

אט לעזען מיר אין באריכט צו דעם באארד און דירעקטארס פון דעם אמעריקען און אינדעפענדענט דעפארטמענט, פון וועלכען מאזער איז מענעדזשער, אז פון דעם 23טען יולי ביז דעם 11טען אויגוסט איז אטענדעט געווארען צו די פאלגענדע קאמפליינטס:

דיסטשארדזשעס	52
ווײדזשעס רעדוצירט	3
פאדערונגען פון ווײדזשעס	15
צאהלען ווענינער ווי דעם סקייל	4
ניט גלייכע טיילונג פון ארבייט	8
שטיק ארבייט	59
באשעפטיגען ניט־יוניאן ארבייטער	28
לאקאוט	1
פירמעס וועלכע שניידען אליין	39
ארבייטען אומגעזעצליכע שטונדען	20
אלגעמיינע קאנטראל און אונטערזוכונגען	617
צוזאמען	846

אז איין דעפארטמענט האט צו אטענדען אין א סלעק־צייט צו 846 קאמפליינטס, דאן צייגט דאס אז עס געהט אן באוועגונג, צייגט דאס ראשינקייט און לעבען און א גרויסע מאס פון נארמאליטעט.

ניט נאר צייגט דאס לעבען און באוועגונג, נאר ווען מיר אנאליזירען די רעזולטאטען פון די אטענדעטע קייסעס, צייגט עס אונטער די איצטיגע אומשטענדען אויך יוניאן־מאכט.

פון די 52 דיסטשארדזש־קייסעס, א שטייגער, האט מען בלויז 5 ניט געקענט רעאינסטייטען און 5 האבען גענומען געלט און פארלאזען די שעפער. און ווענען די 5, וועלכע זיינען ניט רעאינסטייטעט געווארען, איז אויך אינטערעסאנט איבערצוגעבען די אורזאכען, וועלכע וועלען צייגען אז שולדיג אין דעם איז ניט איננאנצען מאכטלאזיגקייט. למשל, א פינישער איז ניט ריאינסטייטעט געווארען, ווייל זי האט באליידיגט די פירמע; א פרעסער, ווייל ער האט געארבייט אין אן אנדער שאפ; 2 אפערייטארס, ווייל זיי האבען געארבייט פון שטיק; א פינישער שניידער, ווייל זי איז ניט געווען קיין מיטגליד פון דער יוניאן, און בלויז די לעצטע 2 זיינען אנטזאגט געווארען ווייל דער שאפ איז אונקאנטראלירבאר, און דאן אין די קיים איבערגעגעבען געווארען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

20 קאמפליינטס, — ניט איבער מאזער, — זיינען געווען ווענען ארבייטען אומגעזעצליכע שטונדען. אין 19 פון די 20 איז געלונגען דעם אפיס צופרידענשטעלענד צו סעטלען און איינפיהרען די 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך. בלויז איין קייס האט מען באדארפט איבערשיקען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

8 קאמפליינטס זיינען געווען ווענען ניט גלייכע טיילונג פון ארבייט, און זיי זיינען צופרידענשטעלענד געשליכטעט געווארען. אויך האט דער אפיס קאלעקטירט [illegible] די סומע פון 827.84 דאלאר פאר [illegible] פון 15 [illegible]

שולדיג געבליבען זייערע בעל מלאכות. אויך זיינען די 3 קייסעס פון רעדוצירטע ווײדזשעס געשליכטעט געווארען צו דער צופרידענהייט פון די בעל מלאכות און דער יוניאן.

פון די 28 קאמפליינטס געגען די באלעבאטים פאר באשעפטיגען ניט־יוניאן ארבייטער, ערקלערט דער באריכט אז אין 22 פעלע האבען זיך די בעל מלאכות אנגעשלאסען אלס מיטגלידער פון דער יוניאן, און אין 4 פעלע זיינען די ניט יוניאן ארבייטער אפגעסטאפט געווארען און די בעל מלאכות זיינען געווארען יוניאן־לייט און בלויז 2 קייסעס זיינען איבערגעשיקט געווארען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

פון די 57 קאמפליינטס ווענען שטיקארבייט איז אין 24 — אין וועלכע די קאמפליינטס זיינען געווען באגרינדעט — געלונגען צוריק איינצושטעלען וואך־ארבייט. אין 16 פעלע זיינען קיין גרינדליכע באווייזע ניט געווען. עס קען זיין, אז די בעל מלאכות האבען אין אזעלכע פעלע געמאכט, ווי דער שטייגער איז, יד־אחת מיט די באלעבאטים און אויסגעזאגט פון חדר, נאר ווי עס זאל ניט זיין, זיינען די באווייזע געווען און די יוניאן האט קיין פעסטע שטעלונג ניט געקענט נעמען. אין 6 פעלע איז קיין ארבייט אין די שעפער ניט געווען און 13 קייסעס האבען געמוזט איבערגעשיקט ווערען צום ארגאניזיישאן־דעפארטמענט, און ס'איז דא רעזולטאטען אויך פון די 13.

פון דעם זעלבען כאראקטער געפינען מיר הונדערטער קייסעס אין דעם אינדאסטריעל קאונסיל און אין דעם דאון־טאון און ברוקלין אפיסעס. אויך פון דזשאבינג דעפארטמענט באריכטעט ברודער טארקין, דאס פון זיין אפיס איז אונטערזוכט געווארען 71 דזשאבערס, פון וועלכע די יוניאן האט זיך ערקונדיגט וואוהין זיי גיבען ארויס ארבייט, און צו יעדען דזשאבער, וואס גיט ארויס צו א ניט יוניאן קאנטראקטאר זיין ארבייט, נעמט די יוניאן א שטעלונג און פיהרט אויס איהרע יוניאן־פאדערונגען.

די אויבען־געבראכטע פאקטען זיינען א גענויע כאראקטעריסטיק פון דער יוניאנס צוגאנג צו א נארמאלען לעבען; און וואס נארמאלער דער יוניאן לעבען וועט ווערען, אלץ גיכער וועט עס פאראורזאכען דעם אונטערגאנג פון דעם אפיציעלען סקעבישען געזינדעל.

* * *

עס איז ווערטה איבערצוגעבען א פאקט צו די קלאוק און דרעס מאכער וועגען א ידיעה וואס די דייטשע צייטונג „פאלקס ווילע" פון דעם צענטראלען ארגאן פון לענין בונד, די לינקע קאמוניסטען, ברענגט צו די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט.

די ידיעה וועט זעהר גוט צוניץ קומען די אקטיווע מיטגלידער וואס גיבען זיך איצט אפ מיט פראפאגאנדא אויפקלערונג אין קלאוק און דרעסמאכער מארקעט. די ידיעה איז א גוטער ענטפער צו די וועלכע מאכען זיך פאר א „וצדקתך" און זאגען אז די אינטערנעשאנאל האט געהאנדעלט „גרויזאם" מיט איר באשלוס ארויסצולאזען א מאניפעסט אז אלע פארפיהרטע מיטגלידער, ווער זיי זאלען ניט זיין, און צו א וואס פאר א פאליטישען גלויבען און ריכטונג זיי זאלען ניט באלאנגען, קאנען ווערען צוריק מיטגלידער אין דער יוניאן מיט אלע פריווילעגיעס, מיט דער אויסנאמע פון א פאר מענשען, וואס זיי זיינען פאראנטווארטליך פאר דעם בלוטיגען קאמף פאר 2 יאר צייט, קאנען בלויז פאר א ווײלע ניט זיין קיין באאמטע אין דער יוניאן, אבער, ווען זיי וועלען אין א קורצער צייט ארויסווייזען זייער לאיאליטעט צו דער יוניאן וועט די „גזירה" אויך פון זיי ארונטערגענומען ווערען.

„אונמענשליך גרויזאם", איז אזא שטראף און דערפאר דער באשלוס פון צו גרינדען אפאזיציאנעלע סקעב יוניאנס.

מעגען די אקטיווע יוניאן־לייט פרעגען די קאמוניסטישע פראפאגאנדיסטען פאר וואס מעג סטאלין באשטראפען טויזענטער מיטגלידער פון זיין פארטיי צו טורמע און סיביר־פארשיקונג און לאז צו מאכען פאר בלויז האבען אן אייגענע מיינונג, און פאר וואס טאר ניט די אינטערנעשאנאל אפילו דיסציפלינירען א פאר מיטגלידער פון איהרע רייהען פאר פארפיהרען צעהנדליגע טויזענטער ארבייטער אין אן אומנויטיגען סטרייק און פאר פארטאכלעווען מיליאנען דאלארס און כדי צו ווערען מארטירער און „רעוואלוציאנערען" רייצען זיי צו ארבייטער בלוט־פארגיסונג צווישען ארבייטער און ארבייטער.

אט גיבען מיר איבער די ידיעה כמעט ווארט ביי ווארט:

„לויט די דירעקטע נאכריכטען, וואס מיר האבען פון מאסקווע באקומען, באטרעפט די צאהל פארשיקטע אפאזיציאנעלע חברים פון איצט פולע 8,000. דער קורס פון פארשיקונגען און ארעסטען ווערט לעצטענס פארטגעזעצט אין א פארשארפטער פארם. ערשט מיט א פאר טעג צוריק זיינען אין מאסקווע דורכגעפיהרט געווארען 30 נייע ארעסטען. דער גורל פון די ארעסטירטע איז נישט באקאנט.

„מיט ארעסטען און פארשיקונגען, ענטפערט סטאלין אויפ'ן רוף פון דער לענינסטישער אפאזיציע צוריק אויפצובויען די איינהייט און צו באזייטיגען דעם פאלשען קורס, וואס באדראהעט די דיקטאטור.

„8,000 אין דער רוסישער רעוואלוציע אויסגעפרובירטע ארבייטער, קעמפער און טוער זיינען פארשיקט. פאר וואס? ווייל זיי קעמפען מוטיג געגען א פאליטיק, וועלכע דראהעט אפצונעמען ביים רוסישען פראלעטאריאט די פרוכט פון זיין אקטאבער־נצחון און עפענט טיר און טויערען פאר דער אינטערנאציאנאלער קאנטער־רעוואלוציע.

„א פאלשטענדיגער טעראר־רעזשים געגען די רעוואלוציאנערען מצד סטאלינ'ען, וועלכער מאכט גלייכצייטיג א פחדנות'דיגען ריקצוג לגבי דער רוסישער און אינטערנאציאנאלער בורזשואזיע.

„נידער מיט די פאררעטער פון דער רוסישער רעוואלוציע!"

אלזא, פרעגט אט די פארפיהרטע מענשען, וועלכע נעמען זיך אן פאר מאכט און דזשאב־זוכענדע מענשען, געגען וועלכע די אינטערנעשאנאל האט אנגעווענדעט א לייכטע דיסציפלין, אז זיי זאלען פאר א ווײלע ניט קענען קריגען קיין דזשאבס, — פרעגט זיי, וואו איז דער יושר צו גרינדען צוליב דעם סקעב אפאזיציע־יוניאנס? און איך בין זיכער, אז זיי וועלען אייך ניט קענען געבען קיין איין עהרליכען, לאגישען ארגומענט, סיידען זיי זאלען זאגען, אז סטאלין מעג אפילו קעפען מענשען אבער די אינטערנעשאנאל טאר אפילו ניט פרובירען זיך באשיצען פון אן אנפאל מיט די לייכטסטע דיסציפלין־מיטלען.

* * *

פילע יוניאנס האבען ביז איצט, ביז דאס קאמוניסטישע געזינדעל האט ניט אנגעהויבען צו מאכען אפענע און אפיציעלע סקעבישע מאנעווערס, געשפילט זיך מיט אט דעם געזינדעל אין דיפלאמאטיע.

די סעם מייקערס יוניאן איז אין דער הינזיכט געווען די ליבעראלסטע. איצט אבער, מיט דער אפענער סקעבעריי, האט זיך דאס געזינדעל דערדינט צו דער שטראף פון יענעם רשע, וואס איינע מלאכי חבלה גיבען איהם א שטויס פון זיך און אנדערע כאפען איהם אויף און גיבען איהם ווידער א שטויס און שלייערען איהם אינ'ם פייער פון גיהנום, וואס דארף עפענען דאס מויל און איהם איינשלינגען.

יעדער יוניאן שטויסט אפ פון זיך מיט א דאפעלטער קראפט אט דעם רשע'דיגען מאכט־זוכענדיגען געזינדעל, און עס וועט ניט נעמען לאנג ווי דאס פייער וואס זיי האבען באשאפען דורך רייצען די ארבייטער צו שענדליכע סקעבישע טאטען וועט זיי אליין איינשלינגען און פארניכטען.

* * *

ברודער גילבערט פון סט. לואיס, וועלכער איז אין דער לאקאל 17 קאמיטע, פרעגט מיך א פשוט'ע פראגע: ווי אזוי קענען די פאר קאמיסארען, וועלכע האבען פארפיהרט די קלאוקמאכער אין סטרייק, אנגעהן מיט שווינדעל שוין א פאר יאהר צייט? אט, א שטייגער, בלאפען זיי, דעם עולם מיט געוואלדיגע ראשינקייט ארום זייער „יוניע", און איך בין געווען א בעלן א פאר מאל זיך אפצושטעלען לעבען זייער סקעב־„יוניע". און איך וויל אייך זאגען, אז אין דער גרעסטער ביזי זעהט מען דארט ווענינער מענשען ווי די צאהל מענשען וואס קומען צום פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל בלויז אן עצה פרעגען.

א פאסיגער ענטפער אויף אט דער פראגע געפינט זיך אין טורגעניעוו'ס אן ערצעהלונג „דער טאג־בוך פון אן איבעריגען מענשען". ער דריקט זיך דארט אויס ווי פאלגט:

„איבערהויפט, ווער זאגט דאס עפעס, אז בלויז די ווארהייט איז ווירקליך, אז בלויז דער אמת האט לאנגע יאהרען? די פאלשקייט, דער ליגען איז אויך אזוי לעבענס־פעהיג, האט אויך אזא לאנגען קיום ווי די ווארהייט, אויב נאך ניט מעהר".

פולע הונדערט פראצענט ווארהייט געפינט זיך אין דיזער באהויפטונג, און דאס פארענטפערט ברודער גילבערט'ס פראגע: ווי אזוי קענען די שארלאטאנסקע קאמוניסטישע שווינדלער אזוי לאנג דולען דעם עולם א מוח?

יוניאן דיסציפלין און ארדנונג איינגעפיהרט אין אלע באסטאנער לאקאלס

דער נייער מענעדזשער, ברודער און וויס־פרעזידענט אמדור, האט זיך אויך גענומען איינצופיהרען ארדנונג און דיסציפלין אין די לאקאלען. אהן דעם קען קיין ארגאניזאציע קיין קיום ניט האבען. א צולאזענע ארמעע, ווי באוואוסט, קען אין מלחמה ניט געהן. א יוניאן איז ווי אן ארמעע, און דעריבער מוזען די סאלדאטען זיין דיסציפלינירט כדי די באלעבאטים זאלען דרך־ארץ האבען פאר דער יוניאן.

ווען די באלעבאטים וויסען, אז די יוניאן־מיטגלידער, מעגען זיי זיין קאמוניסטען, שטערען מיטינגען און איינער פאר דעם צווייטען האט ניט קיין רעספעקט, דאן האבען די באלעבאטים אויך קיין רעספעקט ניט פאר זיי. ווען די באלעבאטים וויסען פון פאקטען, אז מעמבערס, מעגען זיי טאקע זיין קאמוניסטען, פראוואצירען טראבעל ביי די מיטינגען, דאן וועלען די באלעבאטים מיט דער צייט אויך זוכען צו פראוואצירען טראבעל. דעריבער האט ברודער אמדור, וויס־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, געפונען פאר נויטיג ראשית חכמה צו שאפען ארדנונג אין דער יוניאן. און ער געפינט ניט קיין שוועריגקייטען אין דער ארבייט, ווייל די מיטגלידער העלפען איהם אין דעם זעהר געשמאק. פאקטיש איז דאס זייער אייגענער פארלאנג און ווילען, אז ארדנונג זאל הערשען. דאס האבען זיי ארויסגעצייגט מיט דעם וואס זיי האבען גאנץ פיין באשטראפט אזעלכען, וואס האט זיך געהאלטען פאר א גאנצען תקיף. געשען איז דאס אזוי:

איינער, א באוואוסטער אין באסטאנער קלאוק־מארקעט מיט'ן נאמען סיעל סאלאמאן, איז באשטראפט געווארען מיט 5 דאלאר פאר זידלען מיטגלידער. ער האט מעשה תקיף געטשאלענדזשט די עקזעקוטיווע אז ער וועט די שטראף ניט באצאהלען. ער האט דערמיט געוואלט ווייזען, אז די יוניאן איז ניט שטארק גענוג אויפצוצווינגען א פיין. די דזשאינט באארד האט דעריבער באשלאסען, אז אין פאל סאלאמאן וועט די שטראף ניט באצאהלען קען ער ניט ארבייטען אין שאפ.

די דזשאינט באארד איז געווען גאנץ מילד צו איהם און געמאכט, אז וואס אנבאלאנגט די געלט קען ער אויסצאהלען וועכענטליך, ווייל דא איז ניט געגאנגען אום די געלט, נאר אום דעם רעספעקט פון דער יוניאן. א קאמוניסטישער ארדער האט איהם אבער פארזאגט ניט צו באצאהלען דעם פיין, כדי זיי זאלען קענען ערקלערען א סטרייק און צייגען דערמיט, אז זיי, די קאמוניסטען, זיינען אויך א מאכט.

דער באווייז, אז עס איז געווען א קאמוניסטישער ארדער איז, אז ווען די ארבייטער פון שאפ האבען געוואלט באצאהלען דעם פיין, כדי סאלאמאן זאל ניט בלייבען אהן ארבייט, האט די קאמוניסטישע ליג געזאגט: לא מיט אן אלף! און מען האט ארגאניזירט שטארקע און געמאכט א קאמוניסטישע פיקעט־לאין ארום שאפ און אראפגעבראכט פון ניו יארק די פראפעסיאנעלע חלש'ערין און ניט געוואלט ארויפלאזען די ארבייטער אין שאפ אריין.

די ארבייטער האבען זיי אבער געהערט ווי דעם קאטער און האבען צוזאמען מיט די אנדערע ארבייטער ארויסגעוויזען זייער טרייהייט און איבערגעבענהייט צו דער יוניאן.

די קאמוניסטען האבען דערפון עפעס געלערענט. זיי וויסען איצט, אז עס איז געקומען זייער סוף פון מאכען טראבעל אין דער יוניאן, און אלע מיטגלידער זיינען צופרידען וואס עס ווערט אין דער יוניאן איינגעפיהרט רעספעקט און ארדנונג.

ווילט איהר צופארען איצט אויף א פאר טעג אין יוניטי הויז? רופט אן דעם אפיס, טשעלסי 2148, און באשטעלט פלעצער.

קלאוק פינישערס לאקאל 9

א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די רעגעלע סעקשאן מיטינגען

פון אונזער לאקאל וועלען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, 10טען סעפטעמבער, 7 אווענט

אין די פאלגענדע האלס:

דאון טאון — אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.
הארלעם — סאציאליסטישען סענטער, 62 איסט 106טע סטריט
בראנקס — אין ארבייטער רינג צענטער, 1581 וואשינגטאן עוו.
בראנזוויל — אין לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

זעהר וויכטיגע טרייד־פראגען וועלען ביי דיזע מיטינגען פארהאנדעלט ווערען. קומט אין מאסען און נעמט א טיכטיגען אנטייל.

לויט די רולס פון אונזער לאקאל דארפען די מיטגלידער באזוכען אמווייניגסטענס איין מיטינג אין פארלויף פון דריי (3) מאנאטען. די יעניגע וועלכע פאלגען ניט אויס די רול ווערען שטראפירט מיט 1 דאל.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9 (פינישערס) א. ל. ג. וו. י.

לואיס קאופמאן, טשערמאן. ניקאלאס קוירצמאן, סענעדזשער. איזידאר קאהען, רעקארדינג סעק.

קויפט שיך מיט דעם יוניאן שטעמפעל

מיר ווענדען זיך צו אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט צו קויפען שיך וועלכע האבען דעם שטעמפעל פון אונזער יוניאן אויף דעם זויל, אינוויינינגסטער זויל, אדער אויף דעם ליינינג פון שוך. מיר בעטען אייך ניט צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אט דעם יוניאן שטעמפעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

BOOT & SHOE WORKERS UNION — UNION STAMP — Factory

בוט און שוה ווארקערס יוניאן

עפיליאייטעד מיט דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר
246 סאמער סטריט, באסטאן, מאסס.

קאלים לאוולי, גענעראל־פרעזידענט. טשארלס ל. בעין, גענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער.

פרעסערס פון דרעסעס און קלאוקס

זאגט אן אייערע באסעס אז דער פייער דעפארטמענט האט געמאכט א געזעץ, דאס קיין ווייער־ברעטלאך טאר ניט ווערען צוגעשלאגען אויף האלץ אדער אנדערע ברענענדע שטאפען. עס מוז זיין דורכאויס פייער־פרוף.

מיר האבען אויפגעפיקסט אונזערע ווייער־ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט פלאש און בעלידוויע ריכטיג נאך דעם פארלאנג פון דעם פייער דעפארטמענט. אויב איהר האט אין שאפ די אלטע סטיילס, וועלכע זיינען צוגעשלאגען אויף האלץ, קענען מיר עס פאר אייך פיקסען נאך דעם נייעם געזעץ און איהר וועט ניט האבען קיין טראבעל פון קיינע אינספעקטארס.

מיר פארקויפען אויך סטימערס נאך די נייע רולס פון דעם לייבאר־דעפארטמענט.

מיר האבען אויך די בעסטע פינקינג מאשינס אין מארקעט.

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני
321 פינפטע עוועניו, ניו יארק, טעלעפאן אשלאנד 6650 און 6651
קאונטרי ארדערס ריכטיג אטענדעד.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

עטאבלירט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערייכט
נייע מיטאדען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א [illegible]
[illegible]
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
[illegible]
[illegible]
טאג און אווענט קלאסען.
[illegible]
[illegible] אין אונזער סקוהל.
[illegible]

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

נו, אודאי, דארף מען דא האבען אין זינען דעם שטיינער לעבען פון די ארבייטער אין בעלגיען.

די ארבייטערינס פונ'ם קעלער־שאפ געהערען צו דער יוניאן. נאר וועגען דער יוניאן, איז שוין אן אנדער טהעמא.

איך בין ארויס פון שאפ און ווידער זיך ארומגעדרעהט אויף די גאסען פון דער אלטער שטאדט געהענט. איך האב געקוקט אין שאו־פענסטער פון סטארס, געזעהן פארטיגע דרעסעס צוהאנגען — מיר האט זיך געדוכט אז אויף זיי איז חושך, חושך, שטיקער חושך פונ'ם קעלער־שאפ...

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

